STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04678

LIDER TSU EYGENE

Meir Charatz

*Permanent preservation of this book was made possible
by Leo Wiener
in memory of
Max & Ida Wiener*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר חַרַץ / לידער צו אייגענע

מאיר חַרַץ

לידער צו אייגענע

פֿאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
תל-אביב, תשל"ה — 1975

Meir Charatz
LIDER ZU EIGENE

Publishing-House Israel-Book
Tel-Aviv, P.O.B. 1777

מאיר חרַץ

לידער צו אייגענע

פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב, רחוב איתמר בן־אבי 4

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
משרד החינוך והתרבות,
ליטעראַטור־פאָנד בײַם ייִדישן שרײַבער־פאַראיין אין ישראל
און ייִדישע קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים

Printed in Israel 1975 נדפס בישראל

©

כל הזכויות שמורות.

דפוס „להב״, תל־אביב, רח׳ המסגר 60, טל. 36564.

בעלאָטשקען,

וועלכע האָט, צום גרויסן אומגליק,
נישט דערלעבט
אויפצונעמען די דאָזיקע ווידמונג.

דאָס דאָזיקע בוך האָט געזאָלט דערשײַנען נאָך „אין פרעמדן גן־עדן" און פאַר „הימל און ערד" — בײדע לידערביכער דערשינענע, אײנס אין תּל־אביב, דאָס צװײטע אין ירושלים, כּמעט אין אײן צײַט, אין אָנהײב 1974 אָדער פינקטלעכער אין די לעצטע טעג פון דעצעמבער 1973. עס האָט זיך, לײדער, באַקומען אַנדערש װי כ'האָב גערעכנט.

דאָך אַזױ האַלט איך מיך בײַ דער נומעראַציע לױט דעם װי כ'האָב די געבראַכטע כּתבֿי יד אױסגעסדרט, און דאָס קינדערישע צײלן: אײנס, דרײַ, צװײ האָט זיך זײַן זין.

די גרעסטע טײל לידער פון קאַפּיטל „צו בעלאַן" װי אױך די לידער פון „אױף פּראָסטע װעגן" און „צו קינדער און קינדס־קינדער" זענען געשריבן געװאָרן אין משך פון די צװײ־און־דרײַ־סיק יאָר צוזאַמענלעבן מיט דער װעמען דאָס בוך איז געװידמעט.

איך זאָג די גרעסטע טײל לידער פון קאַפּיטל „צו בעלאַן" און ניט אַלע, װײַל די לעצטע זענען קלאָגלידער אױף איר פּרי־צײַטיקן טױט.

אַזױ אױך דאָס „װיגליד פון אַ זײדן" געװידמעט דעם ייִנגסטן אײניקל, װאָס טראָגט איר נאָמען — בילן.

מאיר חרץ

צו מײַן מאַמען

צו די ישׂראל־הימלען

אָ, הימלען, גיט מיר אַפּ אַ פּלאַץ,
איך וויל מקבר זײַן מײַן מאַמען.
זאָל איר מצבה — ברײַנע חאַראַץ —
אין די ישׂראל־וואָלקנס פלאַמען.

איך ווייס ניט ווו זי אויסגעהויכט
האָט איר נשמה, אויף וועלכע וועגן,
איך בעט אַ ביסל הימל־רויך
בײַ אײַך, בײַ אײַך פון אירעטוועגן.

איך בעט אַ וואָלקנדל אַ ווײַס
תּכריכים ווײַסע אויפצוניי׳ן,
און שטערנדלעך, כאָטש איינציקווײַז —
זיי זאָלן בײַ איר קבר שטיין.

אָ, הימלען, גיט מיר אַפּ אַ פּלאַץ,
איך וויל מקבר זײַן מײַן מאַמען,
זאָל איר מצבה — ברײַנע חאַראַץ —
אין די ישׂראל־וואָלקנס פלאַמען.

אַט דאָ

אַט דאָ, אויפן דאָזיקן פּלאַץ,
ווו ס׳ליגט דער באַרג מיט ליים,
האָט געוווינט די משפּחה חאַראַץ
און דאָ איז געווען מײַן היים.

אַט דאָ, אויפן דאָזיקן אָרט,
ווו אַש אַ קופּע ליגט,
האָט געזונגען דאָס ייִדישע וואָרט
און אַ וויג, מײַן וויג, פֿאַרוויגט.

אַט דאָ, אויפן דאָזיקן גראָז,
וואָס רײַסט זיך פֿון אַשן אַרויס,
אַט דאָ האָב איך זי פֿאַרלאָזט —
מײַן מאַמען אין איר הויז.

איצט קום איך פֿון ווײַטן אַהער
אויף קבר־אָבֿות צו גיין,
און ווו איך טו זיך אַ קער,
דערהער איך איר געוויין.

אָפּשטאַם

עטלעכע קלייטלעך אין מאַרק אין אַ קרײַז,
קרומע געסלעך מיט שנײַדער־וואַרשטאַטן;
ס'האָט זיך מײַן מאַמע, מיידלווײַז,
דאָ באַקענט מיטן לערער, מײַן טאַטן.

זענען זיי ביידע שפּאַצירן געגאַן,
ביידע צום פעלד, צום טײַך, צו די מילן;
ביידע זיך אויסגעחלומט אַ פּלאַן —
זייער ליבע אויסצושפּילן.

אויסגעשפּילט זי ביזן סוף,
חתן־כּלה דערנאָך געוואָרן;
חופּה־וקידושין גענומען בײַם רב
און דערנאָך אַ זון געבאָרן.

ווײַטער גייט שוין די מעשׂה פון קינד
אַנדערש אין גאַנצן מיט אַנדערע גראַמען;
ס'קינד איז אַ יתום ניט פון אַצינד
נאָך זײַן טאַטן און נאָך זײַן מאַמען.

ווען מײַן געבוירן ווערן

ווען איך וואָלט אין גאַנצן ניט געווען
געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט,
צי וואָלט זי ערגער אויסגעזען?
צי וואָלט איך ווען אויסגעפעלט?

און אַז איך בין יאָ אויף דער וועלט שוין דאָ —
„אין אַ גוטער שעה" — האָט די הייבאַם געזאָגט.
נאָר מײַן באָבע האָט געקראַקעט ווי אַ קראָ
און איר זון, מײַן טאַטן, באַקלאָגט.

מײַן באָבע שׂרה האָט ניט געוואָלט
מײַן טאַטע זאָל נעמען זיך אַ פרוי,
וואָס וועט אים געבוירן אַ זון, אַ יאָלד,
וואָס וועט זי באַשרײַבן אַזוי.

פון דאָרט, פון דער ווײַט, פון דער וועלט פון ניט־זײַן
בין איך אַרײַן אינעם בלוט פון מײַן מאַמען,
בין איך אין בלוט פן מײַן טאַטן אַרײַן
און צונויפגעבראַכט זיי צוזאַמען.

נאָר קומענדיק שוין אויף אונדזער וועלט
אין ווייטיקן און אין ליידן,
האָט פשוט מיר כּוח אויסגעפעלט
אויף ניט לאָזן, זיי זאָלן זיך שיידן.

די שויבן ווערן שוואַרץ פון נאַכט

די שויבן ווערן שוואַרץ פון נאַכט
און גלאַנציק פונעם רעגן,
אַ נאַסער פאָרהאַנג פאַלט פון דאַך,
פאַרשטעלט די ווײַטע וועגן.

מײַן מאַמע ציט פון לעמפל שײַן,
דער פאָרהאַנג טוט אַ ציטער,
דער פחד קוקט אין שטוב אַרײַן,
דער ווינט צעוויינט זיך ביטער.

אַ שווערער, שוואַרצער הימל ליגט
אויף נאַסע נידעריקע דעכער,
דער רעגן גיסט בײַ אונדז אין ליק
און מאַכט פון לעכער — טעכער.

מײַן מאַמע זינגט מיר אײַן דאָס ליד
פון האָפענונג צו גוטן.
זי איז פאַרהאָרעוועט און מיד,
נאָר ס'זינגען אירע בלוטן.

אין דרויסן בילט אַ בייזער הונט,
ווי ס'וואָלט אַ וואָלף געוואָיעט,
די נאַכט איז עפּעס ניט געזונט
און יעדער שטיינדל טרויערט.

מײַן מאַמע עפנט אויף די טיר
און זינגט אַרויס אין דרויסן,
דער גרויסער דרויסן ענטפערט איר
מיט רעגנדיקן רוישן.

זי הייבט אַלץ שענער אויף איר קול
און זינגט דעם רעגן איבער,
און אײַנגעשטילט ווערט מיט אַ מאָל
דער הימל איבער שטיבער.

און בלויז אַ בוים טוט נאָך אַ רויש
און טרייסלט אָפּ די טראָפּנס,
מײַן מאַמע קלאַפּט דאָס קישן אויס
און מאַכט מיר אַ צוקאָפּנס.

זי דעקט מיך מיט דער קאָלדערע צו
און לייגט איר שאַל פון אויבן,
און ס׳שווימען צו פון ערגעץ ווו
די שטערן צו די שויבן.

דער שטערן־דרויסן רינגלט איצט
אַרום דאָס קליינע שטיבל,
מײַן מאַמע טוט אַ קוק, אַ בליץ
און זיצט און שרײַבט אַ בריוול.

זי קוקט צו מיר, זי רעדט צו זיך,
צו עמעצן אַ דריטן.
ווי גוט, סע ברענט אין שטוב אַ ליכט,
מײַן מאַמע זיצט אין מיטן.

ווי גוט וואָלט געווען...

ווי גוט וואָלט געווען אַזוי
צו בלײַבן אויף אייביק אַ קינד ;
מײַן מאַמע — אַ יונגע פרוי,
וואָס גייט ווי אַ מיידל געשווינד —
ווי גוט וואָלט געווען אַזוי.

ווי גוט וואָלט געווען אַזוי
צו זיצן מיט איר ווי איך זיץ ;
דער זוניקער הימלבלוי
זאָל בלײַבן אויף אייביק ווי איצט —
ווי גוט וואָלט געווען אַזוי.

ווי גוט וואָלט געווען אַזוי,
די זון זאָל שטיין אין דער מיט ;
דער גרינער פּאַפּושוי
זאָל בליִען אַזוי ווי ער בליט —
ווי גוט וואָלט געווען אַזוי.

ווי גוט וואָלט געווען איך זאָל זײַן
אויף אייביק אַ ייִנגל אין שפּיל ;
מיט קינדער אַרויס און אַרײַן
און אַלצדינג זאָל זײַן ווי איך וויל —
ווי גוט וואָלט געווען סע זאָל זײַן...

מײַן מאַמע גרייט צום טיש

מײַן מאַמע גרייט צום טיש און קוקט מיר נאָך, צי עס איך
און ציטערט איבער מיר בײַ יעדן שלונג;
זי עפנט אויף די טיר ווי אין דער נאַכט פון פסח
און לאָזט אַרײַן דעם נביא אליהו מיט אַ קלונג.

דער נביא אליהו איז אויסגעטראַכט דאָך שענער,
ווי ווען ער וואָלט געשטאַנען דאָ לעבעדיק בײַם טיש;
דער נביא אליהו, דער שענסטער צווישן מענער,
דער שענסטער שוין דערפאַר וואָס מע זעט אים נישט.

דער נביא אליהו, מיר דאַכט זיך, אַז מײַן פאָטער
איז אויכעט אויפן הימל אַרויפגעפלויגן הויך;
מײַן מאַמע לאַכט זיך אויס: זײַן האַרץ איז פון אַ טאָטער! —
און אַלע מײַנע זעונגען צערינען ווי דער רויך.

און נאָך דער וועטשערע

און נאָך דער וועטשערע עפן איך דאָס ביכל
און דריי אַרויס דאָס לעמפּל און רוק עס צו צו מיר,
איך וואַרף אַראָפּ די שיכלעך אַ שיכל נאָך אַ שיכל
און גיי אַוועק אַ באָרוועסער פאַרריגלען אונדזער טיר.

מײַן מאַמע דאָרט אין קיכל, זי וואַשט די טעלער, שיסל
און ווישט די גלעזער אויס און ווישט אַ טרער זיך אָפּ;
מײַן מאַמע האָט ליב צו וויינען, זי וויינט זיך אויס אַ ביסל,
ווערט גרינגער אויפֿן האַרצן, ווערט לויטערער אין קאָפּ.

אין דרויסן גייט אַ שטאַרקער, אַ רוישנדיקער רעגן
און ווער סע שלאָפט נאָך ניט, דער שלאָפט שוין הײַנט ניט אײַן;
איך קוק אַרײַן אין ביכל, מײַן מאַמע זיצט דערנעבן
און קוקט אַ גאַנצע נאַכט מיר אין געזיכט אַרײַן.

איידער נאָך איך לייג זיך שלאָפן

איידער נאָך איך לייג זיך שלאָפן, שטייט מײַן מאַמע אויף,
שטייט מײַן מאַמע אויף פון חלום, ניט פון שלאָף.
ס'איז מײַן מאַמע ניט געשלאָפן, ליגנדיק אין בעט בײַ נאַכט,
אָפּגעגעבן זיך דעם חלום וואָס מע חלומט ווען מ'איז וואַך.
ס'האָט מײַן מאַמע אָפּגעטריבן בייזע בילדער פונעם וואַלד,
וואָס סע חלומען די שלאָפערס, וואָס מע חלומט מיט געוואַלט.
ס'האָט מײַן מאַמע אָפּגעקליבן מיט דער האַנט און מיט פֿאַרשטאַנד
שיינע ליכטיקע חלומות און צעהאָנגען אויף דער וואַנט.
איך האָב איינס אַ שיינס געטראָפן, קומענדיק אַהיים פון וועג
און גענומען עס באַטראַכטן, איז עס פון מײַן אויג אַוועק,
בין איך תּיכף אײַנגעשלאָפן, ס'איז געווען שוין זייער שפּעט,
ס'האָט מײַן מאַמע צוגעזעצט זיך אויף אַ בענקל בײַ מײַן בעט.

מײַן מאַמעס הענט

מײַן מאַמעס הענט גלעטן מיך ניט צאַרט ;
מײַן מאַמעס הענט — פֿאַרהאָרעוועט און האַרט
און ווי באַקסער יעדער פֿינגער אויסגעדאַרט.

מײַן מאַמע העקלט ניט און זיצט ניט בײַ קײַן זאָק ;
מײַן מאַמע קנעט בײַ נאַכט און באַקט בײַ טאָג —
און הונגערט בײַ איר אָרנטלעכער וואָג.

מײַן מאַמע וואַרעמט זיך די הענט בײַם גלעזל טיי ;
מײַן מאַמעס הענט צעגײען ווי דער שניי —
און קלענער, קלענער, קלענער ווערן זיי.

מיטן זעלבן שוועבעלע

מיטן זעלבן שוועבעלע צינדט די מאַמע אָן דעם לאָמפּ
און דאָס האָלץ אין אויוון צינדט די מאַמע אונטער;
נאָך דעם וועקט זי אויף איר תּכשיטל, דעם סטראָמפּ
דעם פאַרשלאָפענעם, ווען אַליין איז זי פון לאַנג שוין מונטער.

כאַפּט זיך אויף דער יונג ניט גערן, שלעפעריק און פויל,
שלעפט אַ האַלבע שעה אַרויף אויף זיך די הויזן;
וואַשט די הענט זיך און מיט ברויט אַ פולן מויל
לאָזט ער פויל זיך שפּאַנען צו דעם פּאַס אין דרויסן.

פול מיט טונקעלן רעגן־וואַסער שטייט דאָס פּאַס,
שעפּט ער און ער טראָגט אין שטוב אַרײַן די עמער;
ס'איז שוין טאָג געוואָרן אין די פענצטער און אין גאַס —
איז די שײַן פון לאָמפּ געוואָרן שוואַכער, קלענער.

שטייט די מאַמע בײַ דער מולטער, וואַשנדיק די וועש,
פון איר בלאָז פון ווײַטן ווערט דער לאָמפּ פאַרלאָשן;
שטייט די זון אַ הויכע איבער מאַרקולעשט
און זי שײַנט ביז הײַנט אין מאַרקולעשטן לשון.

האַרבסטליד

האָט דער האַרבסט, דער אַלטער מלך,
פֿאַר אַ בעטלער זיך פֿאַרשטעלט,
אונדזער לאַנדשאַפֿט אויסגעביטן
אויף אַ פֿרעמדן, וויסטן פֿעלד.

הענגט דער הימל אין מײַן פֿענצטער,
איז ער אויכעט קויטיק, וויסט.
נעמט דער האַרבסט די וועלט די גאָרע
און פֿאַרמאַכט זי און פֿאַרשליסט.

ווערט די טונקלקייט געדיכטער,
קריכט דער האַרבסט אין שטוב אַרײַן,
זעץ איך לייענען זיך אַ ביכל
בײַ דער טונקלער פֿענצטער־שײַן.

צינדט מײַן מאַמע אָן אַ לעמפּל,
שטעלט דאָס לעמפּל אויפֿן טיש,
רוק איך צו צום טיש דאָס בענקל,
לייען די בלעטלעך און איך מיש.

כ׳לייען די מעשׂה מיטן מלך,
וואָס ער האָט געהאַט דרײַ זין —
וואָלט איך נאָר געוווּסט אַ שטייגער,
וועלכער פֿון זיי איך בין?

הייב איך אויף פֿון טיש די אויגן,
ס׳איז דאָס פֿענצטער שוואַרץ און נאַס,
נאַסע בײַטשן טרײַבן בעטלערס
אין דער בלאָטע אויף דער גאַס.

אַמאָל־אַמאָל

אַמאָל־אַמאָל בין איך אַ קינד געווען,
ס׳איז הײַנט שוין מײַן זכּרון אָפּגעשוואַכט;
נאָר קיין מאָל־קיין מאָל וועל איך ניט פֿאַרגעסן
דאָס לעמפּל פֿון אַ דאָנערשטיק בײַ נאַכט.

געהאָנגען איז דאָס לעמפּל נעבן אויוון,
מײַן מאַמע האָט אין אויוון אײַנגעזעצט —
און אין די פֿענצטער מיט די קליינע שויבן
אַ רעגנדל אַ דריבנע האָט גענעצט.

עס האָט די נאַכט אַרײַנגעקוקט אין פֿענצטער,
פֿון פֿענצטער האָט אַרויסגעקוקט אַ שײַן —
און איך, פֿון נאַכט און שײַן אין פֿענצטער אַ פֿאַרבלענדטער,
איך בין צום תּוך אין מיטן ניט אַרײַן.

איך בין געלעגן אויפֿן אויוון אויפֿן הייסן,
אין דמיון — אומגעגאַן אין דרויסן אויף דער קעלט,
גלײַך עמעצער וואָלט מיך געשיקט און מיר געהייסן
די פֿינצטערנישן אויסצומעסטן אויף דער גאָרער וועלט.

מײַן מאַמע איז בײַם אויוון שטיין געבליבן,
מײַן מאַמע האָט אין טאַטן זיך דערמאָנט;
מײַן טאַטן האָט דער גורל דער ייִדישער פֿאַרטריבן
אין אַן אַנדער נאַכט, אין אַן אַנדער לאַנד.

מײַן טאַטן האָט גערופֿן זײַן ברודער פֿון דער ווײַטן
און האָט מיט גאָלד־חלומות אים פֿאַרבלענדט;
זײַן ברודער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון גאָט און לײַטן
און האָט בײַם גאָלד די אויגן זיך פֿאַרברענט.

מײַן מאַמע האָט בײַם אויוון געוואַרעמט אירע טרוימען,
איך זע מײַן מאַמעס חלום נאָך אַצינד:
— מײַן טאַטע האָט פֿאַרענדיקט מיט זײַן ברודער שלמהן
און קערט זיך אום צוריק צו װײַב און קינד.

מײַן טאַטע גרייט זיך שוין (צו די זעלבע װעגן)
און שטעלט זיך אָפּ, גלײַך עמעצער װאָלט אים אָפּגעשטעלט:
„זאָל זײַן דײַן קינד אַ יתום, דו זאָלסט זיך ניט דערװעגן
צו שטערן אים צו מעסטן דעם חושך פֿון דער װעלט".

מײַן ערשטער שידוך

מײַן מאַמע, די אָרעמע עגונה,
שיקט מיך, דעם לעבעדיקן יתום,
נאָך אַן עמער וואַסער צום ברונעם,
גיי איך אין דער בלאָטע. ס'איז אָסיען

און דאָס שטעטל פֿאַרשפּריצט ביז די דעכער,
גיי איך אין צוויי גרויסע שקראַבעס
מיט גרויסע פֿאַראַיאָריקע לעכער —
גיי איך נאָך וואַסער אויף שבת.

מיט ליידיקן עמער אַהינצו
בין איך ווי ניט איז דערגאַנגען,
נאָר צוריקוועגס האָט די שכנה שפּרינצע
געמוזט אַ האַנט מיר דערלאַנגען.

געשלעפּט מיך מיט עמער אין איינעם
און קיין טראָפּן ניט אויסגעגאָסן.
די שכנה האָט אַ טאָכטער אַ קליינע
און רעכנט שוין מיך פֿאַר איר חתן.

חטאת נעורים

בײַ מײַן זיידנס הײַזל שטייט אַ ~~בוים~~ פלויט,
טײלט ער אָפּ מײַן זיידן פון זײַן שכן ;
אַלע ברעטלעך פונעם אַלטן פלויט
זענען אָפּגערוקט און אײַנגעבראָכן.

בײַ דעם שכן וואַקסט אַ שיינע מויד,
איז זי אַלט שוין, זאָגט מען, טויזנט וואָכן,
אַלע אָוונט קום איך צו דעם פלויט,
ווערט נאָר טונקל בין איך באַלד ביים שכן.

חידושט זיך מײַן מאַמע אַלע טאָג,
וואָס סע ציט אַזוי מיך צו מײַן זיידן ;
נאָר די שכנה האָט איר אויסגעזאָגט :
„ניט צום זיידן ציט אים, נאָר צו מיידן".

ענטפערט ניט מײַן מאַמע און ווערט רויט,
גלײַך זי וואָלט אַליין געווען אַ מיידל —
און זי שמירט מיט אײַנגעמאַכטס מײַן ברויט
און זי שיקט מיך אָפּטער צו מײַן זיידן.

אַ ייִדענע

ווײנענדיקער אָסיען־רעגן,
אַלע גאַסן, אַלע דעכער
טרינקען אויס די קאַלטע טרערן —
פונעם פולן אָסיען־בעכער.

שטייט אַ ייִדענע אַן אַלטע
אין אַ שאַל געהילט אַ נאַסן —
אויסגעשטעלט צום זעלבן גורל
ווי די דעכער און די גאַסן;

שטייט אין מיטן פונעם שטעטל
אויפן מאַרק־פּלאַץ אויפן גרויען,
אויפן רוישנדיקן רעגן —
צווישן לויפנדיקע פרויען.

האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
אין דער האַנט אַ קויש אַן אַלטן —
פול מיט שווערע צרות גרויע
אונטערן נאַסן שאַל באַהאַלטן.

ניט־פּאַרקויפטע עפּל ווייכע,
ניט־פּאַרקויפטע האַרטע בייגל,
אינעם גרויסן קויש דעם אַלטן
ליגן זיי ווי טויטע פייגל.

און דער קויש, די שווערע משׂא,
ציט אַראָפּ די הענט וואָס פרירן —
שטייט אַ ייִדענע פאַרגליווערט,
ווי אַ שטיין זיך ניט צו רירן.

די גוטע

אויפן טיש ליגט ברויט מיט פוטער,
נעבן טיש זיצט מאַקס דער גוטער,
וואָס ער פאָלגט זײַן גוטער מוטער.

נעמט ער אָן די שפּײַז באהבה,
טרינקט אויך זיסע מילך מיט קאַווע,
ווי געוויינטלעך קינדער בראַווע.

ווײַטער, אין אַן אָרעם שטיבל,
ליגט אַ ברויט אַ שוואַרצס מיט ציבל,
צי מיט קנאָבל אָנגעריבן.

נאָר דאָס ברויט דאָרט רירט ניט קיינער,
זיצט אַ יתום — הויט און ביינער,
ניט קיין עסער גאָר אַ לייענער.

בעט מיט טרערן זיך זײַן מוטער:
„עס, מײַן קדיש, זײַ אַ גוטער —
זע, דאָס ברויט איז ווייך ווי פּוטער”.

וואָלט ער דאָך געפאָלגט זײַן מאַמען,
ווען ער וואָלט פון גוטע שטאַמען.

דער בוים

טרוים
ניט אין בונטן רוים פון ~~בוים~~,
נאָר אין אונדזער וואָרן וועלטל
האָט צעוואַקסן זיך אַ בוים,
וואָס אין טרוים אויך זעט מען זעלטן.

ס'איז דער בוים געוואַקסן שיין,
וואָרע שיינקייט, ניט קיין כּישוף,
שטייט דער שיינער בוים אַליין
דאָ ניט ווײַט פון אונדזער ייִשוב.

ביזן בוים איז דאָ אַ וועג,
פונעם בוים דער וועג גייט ווײַטער,
ווײַטער בין איך ניט אַוועק,
כ'האָב פון בוים זיך ניט דערווײַטערט.

ס'האָבן מיך גערופן פרײַנד
אין דער וועלט אַרײַן זיך לאָזן,
נאָר דער בוים האָט זיך צעשײַנט
און געשמעקט האָבן די גראָזן.

האָב איך זיך געזעצט אין גראָז
און באַטראַכט פון בוים די בלעטער
און די פרײַנד אַוועקגעלאָזט
און געזאָגט זיי: שפּעטער, שפּעטער.

„פּאָרט געזונט", געזאָגט צו זיי,
„שרײַבט פון יענע ווײַטע ערטער",
שרײַבן זיי און צפון־שניי
שמעקט פון זייערע ווײַטע ווערטער.

צפון־שניי און דרום־טיי,
טיי פון רויזן, טונדרע־גראָזן,
שמעקן בריוו מיט האַנט־געניי
און מיט אויסגעניייטע האָזן.

אויך מיט דעמב, מיט איידלבעז,
מיט בערעזע־וואַלד מיט ווײַסן,
אויף מײַן אַלטן בוים־אַדרעס
קומען אָן פֿאַרשידענע נײַסן.

שרײַבן קרובים, שרײַבן פֿרײַנד
און מע רופֿט אין אַלדי־ווײַטן,
נאָר ווי נעכטן קאָן איך הײַנט
ווידער ניט דעם בוים פֿאַרבײַטן.

צוגעטוליעט צו דעם בוים,
ווי מײַן מאַמע צו דעם אויוון,
שטיי איך און איך זע אין טרוים —
מײַנע פֿרײַנד און מײַנע קרובים.

ווען דער צפון־שניי צעגייט,
בלאָזט אַהער אַ ווינט פון דרום
און ער ברענגט אַהערצו רייד
ווי פון אַלטע־אַלטע ספרים:

„מיינסט אַז דײַנער איז דער בוים
און דאָס גראָז פֿאַר דיר צום טרעטן?
ווייס, צו די, וואָס זעסט אין טרוים,
וועסטו קומען זיך נאָך בעטן.

און זיי וועלן דיך מיט פרייד
גיין באַגעגענען און זאָגן:
„סוף־כּל־סוף האָבן די רייד
צו דײַן אויער זיך דערשלאָגן".

„ס'איז דער בוים שוין לאַנג פאַרדאַרט,
ס'ליגט דײַן מאַמעס שטוב אין שטויבן.
ס'ליגט דאָס אַש צונויפגעשאַרט,
ס'איז אַ זכר פונעם אויוון

און פון איר, וואָס פאַר דער צײַט
מ'האָט פאַרשיט אין טויזנט גריבער —
צו דער פרייד פון יענע לײַט,
וואָס געהאַלטן האָסט פאַר ברידער.

מײַנע מעמוּאַרן

פֿאַרגאַנגענע טעג, פֿאַרגעסענע בילדער,
איך קוק אויפֿן ליידיקן רוים און איך שילדער
די פּוסטקייט פֿון רוים — מיר איז גאַרניט פֿאַרבליבן
פֿון דעם וואָס איך האָב ניט בײַצײַטנס פֿאַרשריבן.

און אפשר גענוג איז אַ צװײַגל, אַ בלעטל,
איך זאָל זיך דערמאָנען אין בוים פֿונעם שטעטל.
און אפשר וועט קלעקן אַ טראָפּן פֿון רעגן,
איך זאָל זיך דערמאָנען אין גראָז בײַ די וועגן?

און אפשר גענוג איז אַ שפּור פֿון אַ צייכן,
אַ רמז קוים־קוים פֿון אַן ענלעכן שמייכל,
אַז איך זאָל פֿון װײַטן דיך קענען דערקאָנען,
אַז איך זאָל נאָך צײַטן זיך ווידער דערמאָנען...

און אפשר גענוג איז אַ רגעדיק רויכל,
אַ שטיינדל אין וועג, אַ זאַמדיקער שטרויכל,
אַז איך זאָל מיט גרויל זיך ווידער דערמאָנען
אין יאָרן אין רויכיקע פֿון דער מלחמה?

און אפשר גענוג איז פֿון שוואַרצברויט אַ ביסן,
די גראָקייט פֿון דעמאָלט, גענוג איז אַ ביסל...
כּדי זיך דערמאָנען — מיר איז גאַרניט פֿאַרבליבן,
פֿון דעם וואָס איך האָב ניט בײַצײַטנס פֿאַרשריבן.

מײַן מאַמעס שפּיגעלע

מײַן מאַמע האָט פון מײדלװײַז אַ שפּיגעלע געהאַלטן,
זי האָט אַמאָל בײַם שפּיגעלע די שענסטע צײַט פאַרבראַכט ;
מײַן מאַמע איז געװאָרן אַ ייִדענע אַן אַלטע —
און האָט עס אין אַ טישקעסטל דאָס שפּיגעלע פאַרמאַכט.

פאַרמאַכט עס און פאַרשלאָסן און געהיט דעם שליסל,
אַז קײנער זאָל, חלילה, ניט קומען איבער דעם,
אין אײנזאַמע מינוטן, אַז קײנער זאָל ניט װיסן,
זי האָט עס אױפגעעפנט און װידער זיך געזען.

מײַן מאַמע איז געװעזן אַ מבין אױף איר פּנים,
אױף יעדן שאַרפן קנײטש און אױף איר גרױען קאָפּ —
נאָר קען מען דען דאָס פּנים באַהאַלטן פאַר די שׂונאים
אין אײנעם מיטן שפּיגעלע, װאָס שפּיגלט דיר עס אָפּ ?

מײַן מאַמען האָבן װײ געטאָן די יאָרן און די עלטער
און ניט אַזױ די יאָרן און די עלטער װי די פּײַן ;
מײַן מאַמע האָט בײַם קנעטן אַרײַנגעקרעכצט אין מולטער,
נאָר ניט געװײנט, עס זאָל דאָס ברױט ניט צו געזאַלצן זײַן.

מײַן מאַמע איז געװעזן אַ סאַרװערין בײַ ייִדן,
אַ בעקערין פון זיסװאַרג, אַ קאָכערין פון פיש ;
אַ בראָטערין פון פלײשן, אַ פּרעגלערין פון גריװן,
אַ מײַסטערין בײַם אױװן, אַ טײלערין בײַם טיש.

מײַן מאַמע האָט אױף אַלע חתונות און בריתן
די בענקלעך אױסגעשטעלט, געפּראַװעט מיט די געסט —
ס'האָט איטלעכער געמוזט בײַם טיש פון אַלץ געניסן,
ס'האָט ליב געהאַט מײַן מאַמע צו קוקן װי מען עסט.

וואָס ייִנגער און וואָס שענער די כּלה איז געוועזן
אַלץ בעסער און באַטעמטער און גאָלדענער די יויך ;
וואָס שטאַרקער די געבוירענע, די זינען אויף די בריתן —
אַלץ זיסער דאָרט דער לעקעך און דער שטרודל אויך.

און איך האָב אַלץ גענאַשט, אויף שׂימחות ניט געשלאָפן,
זיך אָנגעזען מיט טענץ, זיך אָנגעהערט מיט שפּיל
און גאָרניט ניט פאַרשטאַנען, מײַן מאַמען ווען געטראָפן
דערנאָך אין דער היים בײַם שפּיגעלע, זי זיפצן אין דער שטיל.

אַ זיפצערקע געוועזן מײַן מאַמע די עגונה
און צווישן זיפץ און זיפץ געשעפּטשעט עפּעס גיך ;
מײַן מאַמע האָט אין שפּיגעלע געקוקט ווי אין אַ ברונעם —
מײַן מאַמע האָט פון שפּיגעלע אַרויסגעקוקט אויף זיך.

געוועזן איז דאָס שפּיגעלע מײַן טאַטנס אַ מתּנה,
דאָס שפּיגעלע דאָס קליינע אין גאָלדמעש אײַנגעראַמט ;
מײַן מאַמע האָט ניט אויפגעהערט מײַן טאַטן צו דערמאָנען —
מיט בענקשאַפט און מיט טענות, מיט ווייטיק און מיט שאַנד.

דאָס שפּיגעלע האָט שטילערהייט בגנבה זיך פאַרשלאָסן,
געהיט זיך גאַנצע וואָכן פאַר מײַן מאַמעס בליק.
מײַן מאַמען האָט די מעשׂה אויפן שפּיגעלע פאַרדראָסן,
געבייזערט זיך, נאָר יענץ האָט גלײַך געבייזערט זיך צוריק.

נאָר מערער האָט דאָס שפּיגעלע ניט געשפּיגלט קיינעם,
עס האָט קיין אַנדער קאָפּ און פּנים ניט געקענט.
פון זינט זי האָט באַקומען עס „אין אַ טאָג אַ שיינעם",
האָט זיך עס ניט געגעבן אין קיין פרעמדע הענט.

און וואָס איז דען פאַראַנען געטרייַערס פון אַ שפּיגל,
בשעת דו קוקסט אים גלייַך אין זייַן רוים אַרייַן ?
און וואָס איז דען פאַראַנען פאַלשערס פון אַ שפּיגל ?
אין פרעמדע הענט דייַן שפּיגל איז ער מער ניט דייַן.

אין פרעמדע הענט דייַן שפּיגל, געווענדט צו פרעמדע אויגן,
פאַרגעסט ער דיך אין גאַנצן, אין אַלץ וואָס פריִער געזען.
אַזוי איז אויך דאָס לעבן וואָס איבער אים געבויגן —
פאַרנעמט דאָס אָרט פון יענעם, וואָס ביז אים געווען.

מייַן טאַטן האָט געצויגן קיין אַמעריקע נאָך גליקן,
מייַן מאַמע האָט אים צוגעגרייט דאָס רענצל מיט די וועש ;
מייַן טאַטע האָט פאַרגעסן אַ שיפּסקאַרטע צו שיקן,
איז זענען מיר דערפאַרן פון קיטראָס ביז מאַרקולעשט.

ערשט דעמאָלט האָט מייַן מאַמע דאָס שפּיגעלע באַהאַלטן,
געמיינט דער טאַטע קומט און נעמט צוריק עס צו ;
געקומען זענען היטלערס באַוואָפנטע סאָלדאַטן —
מייַן מאַמע איז אומגעקומען און איך ווייס ניט ווו.

מיין טאַטע האָט זיך אויסגעלעבט זייַן לעבן ביז דער ענדע,
מייַן טאַטע איז געשטאָרבן ניט לאַנג ערשט אין בראַזיל ;
די קינדער זייַנע, מייַנע ברידער, וואָס איך קען ניט,
זיי האָבן דאָרט אָן מיר געשפּילט די טרויער־שפּיל.

איך האָב זיי אויפגעזוכט, זיי האָבן מיר געמאָלדן
די יאָרצייַט פונעם טאַטן און פון זייַן קברס אָרט.
עס האָבן פון מייַן ברוסט זיך געהעכערט די געוואַלדן :
אוי, מאַמע, טייַערע מאַמע, איינציק הייליק וואָרט !

מײַן מאַמען האָט אַ היטלער אומגעבראַכט צוזאַמען
מיט קינדער פון דער גאַס, וואָס זי האָט ליב געהאַט;
זי אומגעבראַכט צוזאַמען מיט מײַן חברס מאַמען,
וואָס איז אין קריג געפאַלן — אַ העלדישער סאָלדאַט.

בײַ אַלע, אַלע היטלערס איז געווען פאַרשריבן
די שטריכן פון מײַן מאַמעס ייִדישן געזיכט;
זיי האָבן אַלע אירע חתונות צונויפגעטריבן
און אַלע אירע בריתן געטריבן צום פאַרניכט.

זיי האָבן אויסגערויבט מײַן מאַמעס אָרעם הײַזל
און איינער האָט דאָס שפּיגעלע פאַרקרעמפּט אין זײַנע הענט;
אַ צווייטער האָט געהייסן ער זאָל עס אים באַווײַזן —
און ס'האָט זיך צווישן שלעגערס אַ גרויס געשלעג צעברענט.

און דאָ האָט זיך דאָס שפּיגעלע פון ראַם אַרויסגעריסן,
צעפאַלן זיך אויף שטיקלעך, צעבראָכן זיך אויף גלאָז!
דער שפּיגל־שטויב, די פּיצעלעך, ווי שפּיצעלעך פון שפּיזן —
זיי ליגן נאָך ביז הײַנט אין מאַרקולעשטער גראָז.

געסט

א. מײַנע מומעס

קומט אַ גאַסט, מײַן מומע טויבע,
פון קיטראָס צו פאָרן,
הייבט זי אָן מײַן מאַמען לויבן,
ווינטשן לאַנגע יאָרן.

הערט ניט אויף איר צינגל קנאַקן,
ביידע אויגן לאַכן —
ביז מײַן מאַמע נעמט זיך באַקן
גוטע, זיסע זאַכן.

קומט אַ גאַסט, מײַן מומע מינדיע,
דאָס געבעקס פאַרזוכן,
נעמט זי אויף די הענט די קינדער
און אַ גראָשן זוכן.

נאָר דאָס געלט האָט זי פאַרגעסן
כּלומרשט אויפן וואָגן,
און זי נעמט זיך עסן, עסן,
כאַפּט זי שטאַרק דער מאָגן.

קומט אַ גאַסט, מײַן מומע העניע,
קומט אויף גיך צו לויפן,
נאָר מײַן מאַמע איז ניט פון יענע,
וואָס מע קען זי קויפן.

זי איז אַ מבין אויף די שטיקלעך
פון מײַן טאַטנס קרובים,
שטעלט זי אויפן טיש די קיכלעך,
קערט זיך אום צום אויוון.

שטייט דער טיש אין קליינער כאַטע
אין דער מיטן סאַמע,
מיט די שוועסטער זיצט מײַן טאַטע,
זיצט אין קיך מײַן מאַמע.

גייט אַוועק פון הייסן אויוון
און זי נעמט מיך וויגן,
הערט מען אויף מײַן מאַמען לויבן
און מע נעמט זיך קריגן.

זענען דאָך די מומעס אַלע
אַלטע מיידן גרינע,
ווערט קיין איינע ניט קיין כּלה,
ברענט אין זיי אַ קינאה

אויף מײַן יונגער שיינער מאַמען,
וואָס איז ניט פאַרזעסן —
ברענט די קינאה, ווײַזט די פלאַמען
תּמיד נאָכן עסן.

ב. אומגעקומען

אומגעקומען זענען מײַנע מומעס
און מײַן שײנע מאַמע איז אומגעקומען —
און די אַלע קלײנינקע תּרעומות
זענען מיטן בלוט אַװעקגעשװומען.

ס'איז געװען דער אָנהײב פֿונעם אומגליק
אויף דער ערד מיט בלוטיקע יאַרידן ;
פֿאַרגעקומען איז עס אין אַ זונטיק —
װען גזלנים לאָזן זיך אויף ייִדן.

ס'האָבן דאָרט די בלוטן מײַנע מומעס
אויסגעמישט זיך מיטן בלוט מײַן מאַמעס ;
אָפּגעיאָגט די קלײנינקע תּרעומות
און אַװעקגעשטופּט די קלײנע טענות.

ס'האָט דער הימל אָנגעהויבן ברענען,
האָט זיך גאָט פֿון כּסא אויפֿגעהויבן
און מײַן מאַמע, װײַל זי האָט דערזען אים,
האָט זי אויפֿגעהערט אין אים צו גלייבן.

אָפּגעלעבט אַ לעבן אין אמונה,
בעת דער גסיסה ערשט דערזען אים נאַקעט ;
גאָט איז זיי צו רעטן ניט געקומען, —
שװאַרצע קראָען האָבן פֿרײַ געקראַקעט.

ג. קומט אַ גאַסט

קומט אַ גאַסט פון פרעמדע וועגן,
קומט אונדז טרויעריק מאַכן ;
לויף איך אים אַרויס אַקעגן
און איך פּרוּוו זיך לאַכן.

לאַכט דער גאַסט פון מײַן געלעכטער
און פאַרשטעלט דאָס פּנים —
מיט דער לינקער, מיט דער רעכטער,
כ׳זאָל אים ניט דערקאָנען.

הער איך אויף צום גאַסט צו לאַכן
און איך פּרוּוו זיך זינגען,
כ׳פיל איך מוז אים פריילעך מאַכן,
אפשר קלעזמער דינגען ?

נאָר דער גאַסט האָט זײַנע לידער,
זײַנע אייגענע כּלים —
און ער לייגט אַ ליד אַנידער
ווי אַ קבר־צלם.

הייבט דער הימל אָן זיך כמאַרען
איבער חורבות, קברים —
און עס זעצט פון דר׳ערד אַ פּאַרע
און עס קריכט אַ וואָרעם.

האַק איך אָפּ זײַן ליד אין מיטן
און פאַרשטאָפּ דאָס מויל אים ;
נאָר דער וואָרעם ווערט פאַרביטן
אויף אַ ווילדן גולם.

זע איך שוין, איך האָב אַ טעות
מיט מײַן גיין אַקעגן,
ס'איז דער גאַסט ניט קיין קאַטאָוועס,
גאַסט פון ווײַטע וועגן.

איך און ער — צווישןביידן
שווער צו מאַכן שלום —
ס'קומט מײַן פרוי אונדז צו צעשיידן,
וועקט מיך אויף — ס'אַ חלום.

ס'איז אַ חלום זייער אַ שווערער,
אָבער ניט צום שלעכטן,
עפּעס ווייס איך הײַנט שוין מערער,
ווי געוווסט כ'האָב נעכטן.

איבער אונדזער שטעטל

איבער אונדזער שטעטל,
קלענער פון אַ דאָרף,
האָבן ווי אַ וואָלף
אויף אַ טשערעדע שאָף —
וואָלקנס פונעם הימל
זיך געטאָן אַ וואָרף.

וואָלקנס פונעם הימל,
זײַט ניט אַזוי גרוי,
טונקלט ניט אין פענצטער —
וואָלקנס און געשפּענסטער,
שרעקט אונדז ניט אַזוי.

פּויערים אויף וועגן,
אין די הענט מיט העק —
גייען אויפן רעגן
אַנגעטאָן אין זעק.

פּויערים אויף וועגן,
זײַט ניט אַזוי ווילד!
וואָס איז אונדזער לעבן? —
ס'איז אַ שרעקלעך בילד.

פּויערים אויף וועגן,
זײַט ניט אַזוי בייז,
שולדיק איז אין רעגן
ניט דער אַלף־בית.

שולדיק אין דער בלאָטע
אויף דער קאַלטער ערד,
איז ניט די קאַפּאָטע,
זענען ניט די בערד.

ניט דאָס שטערנטיכל
אויף מײַן מאַמעס קאָפּ,
ניט דאָס שיינע ביכל
בײַ איר זון אין קאָפּ.

לאָזט אײַך ניט פֿאַרסמען
פֿון די דײַטשע רייד,
הרגעט ניט מײַן מאַמען,
טוט איר ניט קיין לייד.

איבער אונדזער שטעטל,
קלענער פֿון אַ דאָרף,
האָבן ווי אַ וואָלף
אויף אַ טשערעדע שאָף —
וואָלקנס פֿונעם הימל
זיך געטאָן אַ וואָרף.

די נאַכט האָט זיך געחלומט מיר

די נאַכט האָט זיך געחלומט מיר
אַ בעסאַראַבער דאָרף,
איך האָב געפילט אין שלאָף אַדאָ,
אַז כ'בין באמת דאָרט.

כ'בין דורכגעפאָרן מיט אַ פור —
דעם וועג וואָס גייט ביַים ראַנד,
איך האָב דערקענט אַ היימיש הויז
און אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

די טיר האָט זיך געעפנט ברייט,
אַזוי ווי כ'האָב געוואָלט,
נאָר איך האָב פריִערביידע פערד
ביַים ברונעם אָפּגעשטעלט.

דאָס וואַסער איז געווען פריש
ווי ערשט באַשאַפן, קאַלט —
כ'האָב ניט געפילט אין חלום דאָרט
די היץ פון היגן לאַנד.

ס'האָט יעדער קלאַנג אויף היגער גאַס
מיר אויסגעמאָלט אַ גלאָק,
וואָס וואַרפט אַראָפּ אַ חָגא אין דאָרף
פון הויכן קלויסטער־שטאָק.

מיַין מאַמע קוקט אַרויס צום וועג,
זי פילט ניט אויף קיין האָר —
די קומענדיקע שוואַרצע טעג
אויף אירע אַלטע יאָר.

די קינדער שפּילן זיך אין גראָז
און ווילן ווערן גרויס,
בײַ איינעם שײַנט אונטער דער נאָז,
אַ צווייטס דאָרט לאַכט זיך אויס.

אין חלום איז נאָך ניט געשען
קיין שׂרפה אויף דער וועלט,
און ס'איז נאָך אַלצדינג ווי געווען —
אין שטאָט און אויפן פעלד.

גענוג אָבער אַז אַן אוזבעק
זאָל טאָן אַ וואָרט אַ וואָרף
און נעמען זאָל פון שלאָף אַן עק,
פון בעסאַראַבער דאָרף.

דערמאָנונג

אונדזער קליינעם שטיבל פונקט אַקעגנאיבער
שטייט אַ קלענערס נאָך, איַינגעבויגן שפּל,
שיקט עס אַלע מאָל אַן אַנדער קינד אַריבער —
נאָך אַ ציבעלע, אַ מערל, אַ קאַרטאָפל.

קומט אַ חדר־ייִנגל אין אַ פריִען מאָנטיק
נאָך אַ שאַרפן העקל אָנצוהאַקן שפּענער;
קומט אַ בריה אַ מיידל אין אַן ערב יום־טוב,
וויל זי זען ביַי ווּעמען צוגעראָמט איז שענער.

קומט אַ פרומע מאַמע פון אַ צענדליק קינדער,
קושט זי זיך מיט מיַינער און מע זעצט זיך וויינען;
וויינענדיקע וויַיבער, ווּ זענט איר אַצינדער —
מאַמע מיַינע טיַיערע מיט דיַין בעסטער שכנה?

בעסאַראַביע, די היים

בעסאַראַביע, די היים פון מײַנע קינדער־יאָרן,
ווי זשע נעמט מען זי אַרויס פונעם זכּרון
און מע שטעלט זי אויפן טיש אַנידער —
מיט די גרויע דערפלעך, פעלדער, שאָף און רינדער!
ווי זשע שטעלט מען זיי אַנידער
פאַר די אויגן פון די קינדער?

היימיש שטעטל פון די קינדער־יאָרן,
ווי זשע נעמט מען עס אַרויס פונעם זכּרון
און מע שטעלט עס אויף אַספאַלט אַנידער
מיטן דלות, מיט די בלאָטעס טיף־געדיכטע?
ווי זשע שטעלט מען עס אַנידער
פאַר די אויגן ווי געשיכטע?

מאַמע, מאַמע, מאַמעניו געטרײַע!
ווי זשע קען מען דיך פון טויט אַרויסבאַפרײַען?
ווי זשע קען מען נאָך דער שחיטה פון די שעכטער
זעצן דיך אָט דאָ בײַם טיש מיט אַלע,
אַז דיך קענען זאָלן מײַנע טעכטער,
אַז דיך קענען זאָל דײַן אייניקל, די כּלה?

ס׳טרעפט, עס גייט אַן אַלטיטשקע אין דרויסן
מיט אַ שאַלעכל און מיט אַן אַלטן קוישל;
כ׳טו אַ ציטער, וויל אַ שרײַ טאָן: מאַמע!
וויפל וויאָרסטן איז צו דיר פון דאַנען?
איך בין גרייט צען וועלטן דורכצושפּאַנען,
דורכצושווימען וואַסערן און ימען — —
— — — — — — — — — —
זײַ מיר מוחל, מאַמע, פאַר די גראַמען!...

צו מײַן מאַמען

איך רעד צו דיר, נאָר דו ביסט ניטאָ,
צו וועמען זשע רעד איך, מאַמע?
איך רעד צו די ווענט, איך רעד צום לאָמפּ —
און שפּיל זיך פאַר ווייטיק אין גראַמען.

איך ווייס אַז טויטע זענען טויט
און הערן ניט מער מײַנע ווערטער,
דאָך קײַ איך זיי איבער ווי ברויט מיט קרויט —
און בלײַב אַ ניט געהערטער.

צי רעדט מען דען שטענדיק, ווען מע האָט
צו וועמען צו רעדן, מאַמע?
אָט רעדן דאָך מענטשן צום הימל, צו גאָט,
צו ביימער, צו הוילע שטאַמען.

פאַר וואָס זשע זאָל איך ניט רעדן צו דיר
(כ'האָב האַלב שוין דײַן אויסזען פאַרגעסן) —
אָט איז אונדזער שטיבל, דו שטייסט אין דער טיר,
דו לויפסט מיר נאָך מיטן עסן.

און איך, אַ קינד, וואָס האָב זיך פאַרשפּילט
אין דרויסן דעמאָלט מיט קינדער,
האָב איצטער ערשט באמת דערפילט —
דײַן ליבשאַפט דערפילט אַצינדער.

אַצינד, ווען איך קוק זיך גוט אַרום,
וואָס ס'הייסט צו פאַרדינען אַ ביסן,
דערמאָן איך זיך, דו זוכסט מיך אום
און לויפסט מיר נאָך מיט דער שיסל.

איך ווייס, עס איז דיר געווען ניט זיס
אַליין אַ קינד צו דערנערן,
צו קומען פון מאַרק מיט געשוואָלענע פיס
און וויינען, דאָס קינד זאָל ניט הערן.

נאָר איך האָב שוין דעמאָלט דערהערט דײַן געוויין,
דאָך הער איך עס שטאַרקער אַצינדער,
כאָטש דו האָסט דעמאָלט, ניט איצטער, געוויינט,
ווען כ'האָב זיך געשפּילט מיט קינדער.

מײַן מאַמעס נאָמען

עס וועט דאַך מײַן קינד ניט קענען מײַן מאַמען,
וואָס האָט מיך געכאָוועט מיט הרעטשענער קאַשע.
ווי אײנזאַם איך בין אין דער מיט פון די גראַמען —
מײַן מאַמעס בן־יחיד, מײַן טאַטערס פּאַפּאַשע.

דו האָסט ניט געזען דײַן אײניקלס טאַטע
און דו — ניט געזען דײַן באָבעס בן־יחיד,
נאָר זאָל דאָס ניט זען זיך מײַנע קינדער ניט שאַטן
און זאָל כאָטש דער נאָמען פֿאַרבלײַבן אויף אײביק.

דער נאָמען מײַן מאַמעס, דער נאָמען מײַן טאַטערס,
ווי בײַטן זיך טײַטשן פֿון אײביקע ווערטער.
עס טראָגט זיך אַ פֿויגל מיט פֿליגל צעפּאַטשטע
און לאָזט ניט קײן שפּורן אין אונדזערע ערטער.

די שויבן שטייען אַנגעגאָסן

די שויבן שטייען אָנגעגאָסן
מיט נאַכט מיט שוואַרצער און מיט שרעק,
אַ שוואַרצער בליאַסק האָט אויסגעשאָסן
און איז אַוועק, אַוועק, אַוועק.

איך זיץ — אַ יתום אין דער פינצטער
מײַן טויטער טאַטע בלאָנקעט אום —
מײַן מאַמע קוקט אַרײַן אין פענצטער,
נאָר אירע ליפּן זענען שטום.

זי שווײַגט און טונקט די פינגער־ביינער
אין שוואַרצע שויבן ווי אין טינט
און שרײַבט מיט שאָטנשריפט אויף שטיינער:
מײַן קינד, מײַן קינד, מײַן קינד, מײַן קינד!

די אותיות שווינדלען פאַר די אויגן
און וויינען מיט אַ נאַסן קול,
ווי גלײַך אַ האַרבסט־רעגן פון אויבן,
וואָלט איצט אַראָפּגעוויינט אין טאָל.

מײַן מאַמע גייט אַרום אין רעגן
אין אָסיענדיקן אויפן ווינט —
מײַן מאַמע שרײַבט אויף אַלע וועגן:
מײַן קינד, מײַן קינד, מײַן קינד, מײַן קינד!

דיביימער טרינקען זיך אין אומעט,
דער אומעט פון די ביימער רינט —
אַ מת אַ מאַמע האָט קיין רו ניט,
באַוויינט דאָס לעבן פון איר קינד.

און ס'איז אַרויס פון אונדזער הויז

און ס'איז אַרויס פון אונדזער הויז:
ברויט און לעקעך און לידער —
און וואָס פון אונדזער הויז איז אַרויס
האָט אומגעקערט זיך ווידער —
ברויט און לעקעך און לידער.

נאָר וווּ איז אונדזער הויז?

ווידעראויפבוי

א. זעץ זיך אַנידער

זעץ זיך אַנידער און רו זיך אָפּ
פון אַלץ מיט אַנאַנדער
און נעם די משא אַראָפּ פון דײַן קאָפּ
אין מיטן וועג פון דײַן וואַנדער.

ניטאָ קיין צרות, ניטאָ קיין שלעק,
די וועלט אַרום איז אַ גרינע
און אַלע קראָען זענען אַוועק —
אין איינעם מיט דער שׂינאה.

און אַלע קראָען זענען אָפּ־
געפלויגן און פאַרשווונדן,
איז נעם זשע פון זיך די משׂא אַראָפּ
און בינד דיר אָפּ די ווונדן.

דו זעסט? זיי זענען אויסגעהיילט,
די הויט איז רויט און פאַרצויגן.
די גרוילן, וואָס דו האָסט אויסדערציילט,
זיי שטייען ניט מער פאַר די אויגן.

זעץ זיך אַנידער און רו זיך אויס
פון אַלע דײַנע זכרונות,
און בוי זיך אויס אַרום זיך אַ הויז
און בלײַב אין דעם און באַוווין עס.

ב. מײַן מאַמעס בילד

ווייס, איך האָב געפּאָלגט דײַן ראַט
און אַ הויז געבויט אַ גרויס.
וואָס זשע איז עס שמד? פאַרראַט?
כ'האָב קיין רו ניט אין מײַן הויז.

זע, מײַן מאַמע וויינט אַרויס
פונעם בילד וואָס אויף דער וואַנט.
הער, זי קלאָגט: „מײַן ווײ איז גרויס
און ס'איז גרויס מײַן שאַנד.

אין אַ פרעמדן — פרעמדן לאַנד
בויט מײַן קינד זײַן הויז,
וואָס אַיעדער גויִשע האַנט
וואַרפט פון שטאָט אַרויס.

אויף אַ פרעמדער — פרעמדער ערד
שטעלט ער אויף זײַן היים,
וווּ אַיעדער זעמדל ווערט
ווייך ווי ליים פון מײַן געוויין".

בגײַב איך מיט די ציגל שטיין,
ווייס ניט, וואָס צו טאָן,
זע איך ווי סאָלדאַטן גיי'ן
מיט אַ פרעמדער פאָן.

אין וואָס איך גלייב

— דער דאַך האָט געלאַכט.
— די דעכער קענען ניט לאַכן,
דערצייל מיר ניט, איך בעט דיך,
אַזעלכע נאַרישע זאַכן.

— די שויב האָט געוויינט.
— די שויבן קענען ניט וויינען,
באַשרײַב עס ניט, איך בעט דיך,
ווײַל קיינער וועט עס ניט לייענען.

— אַ שטיין האָט גערעדט.
— אַ שטיין? קען זײַן, איך גלייב עס,
מען הערט עס, ווען מע טרעט
אויף שטיינערנע מצבות.

און נאָך מער ווערט עס געהערט,
ווען דו זוכסט דײַן מאַמעס קבר
און ס'וויינט די גאַנצע ערד
אַרײַן אין דיין יעדן אבר.

אויף פּראָסטע וועגן

אויף פראָסטע וועגן

א

איך גיי אַרום אויף פּראָסטע וועגן
און וואַסער ברונעם איך באַגעגן
פון ווײַטן מיר אַקעגנקומען,
איך שטעל זיך אָפּ בײַ יעדן ברונעם.

ס'איז ווײַט איין ברונעם פונעם צווייטן,
די מידקייט קלינגט אין וועג מיט קייטן
און פּולע זעק מיט וואָלקנס קוקן
אַראָפּ און דריקן אויפן רוקן.

נאָר קיינער בלײַבט ניט שטיין אין מיטן
און ווער געגאַן און ווער געריטן,
אַ וואָגן טרײַבט אין וועג אין גרויען
די פערד צום ברונעם אָנצופּאָיען.

איך גיי שוין לאַנג. ס'איז הייס מסוכּן,
דער גומען ווי אַ מידבר טרוקן,
די אויגן דאָרשטיקע ווי לעמער,
זיי דאַנקען גאָט — דעם ברונעם־עמער.

זיי דאַנקען גאָט — דעם שטיין דעם האַרטן,
וואָס ליגט דאָ מיט זײַן ווייכן וואַרטן
אין שאָטן פון די ברונעם־ביימער,
אַ בעט פאַר וואַכע וואַנדער־טרוימער.

איך זיץ ניט לאַנג און לאָז די טרוימען
און פיל מיר אָן אַ קויש מיט פלוימען.
איך גיי. מיך וואַרטן באַרג און טאָלן,
זיי קענען זיך אָן מיר ניט מאָלן.

דער וועג איז גאָרניט אָן דעם גייער,
דאָס פעלד איז גאָרניט אָן דעם זייער,
אַ מאַרק אָן מענטשן איז קיין מאַרק ניט,
פאַר זיך אַליין איז באַרג קיין באַרג ניט.

ס'איז שווער. איך לאָז דאָס קיישל איבער
און כ'פיל ווי עפּעס יאָגט מיך איבער,
די וואָלקנס וואַקסן אָן און גליִען,
צעשפּרייטן פליגל און זיי פליִען.

זיי פליִען איבער מײַנע וועגן
און גיסן אויס זיך ווי אַ רעגן
פון פאַרבן אַלערליי וואָס בלענדן —
ווּהין איך זאָל מײַן אויג ניט ווענדן.

אויף וואָס איך וואַרף נאָר מײַנע אויגן,
ווערט באַלד מיט זייער הויט פאַרצויגן
און דורך די גרינע, בלויע הויטן —
איך קוק אויף געלן פעלד מיט ברויטן.

און וואָס איך זע, דערצייל איך יעדן,
כ'האָב ליב מיט פרײַנד אין וועג צו רעדן,
דער באַרג איז הויך, מײַן וואָרט — אַ רמז,
דו הערסט און זעסט דעם באַרג באמת.

ב

איך גיי אַרום אויף פּראָסטע וועגן
און וואָסער פויער איך באַגעגן
פון ווײַטן מיר אַקעגנקומען,
מיר טרינקען פונעם זעלבן ברונעם.

מיר טרעטן אויף די זעלבע שטויבן
און זעען די זעלבע וואָלקנס אויבן,
דעם זעלבן קרײַז פון אַלע זײַטן,
דעם זעלבן האָריזאָנט דעם ווײַטן.

און קוקט מען אויף די זעלבע זאַכן,
פאַרשטייען זיך די ווײַטסטע שפּראַכן;
איין שפּראַך פאַרשטייט די צווייטע גרינגער,
ווען ווערטער ווערן ווײַזער־פינגער.

איין שפּראַך דער צווייטער ווײַזט אָט דאָרטן,
אַ צווייטע ענטפערט איר: אַ גאָרטן.
און ביידע זעצן זיך אין שאָטן —
די זון זאָל זייערע רייד ניט בראָטן.

און אויב אַ וואָרט איז קלאָר נאָר איינעם,
און אומפאַרשטענדלעך פאַר די שכנים,
און מיינט דאָס וואָרט אַ באַרג אַ שיינעם,
אַ באַרג אַ ריז אַ הויכן איינעם —

האָט דאַן דער באַרג אויך כּוח צו מאָנען,
און ס׳שרײַט דער באַרג: ס׳איז באַרג מײַן נאָמען!
דאָס וואָרט קלינגט אָפּ אין אַלע הייכן,
דער באַרג — דעם הימל וויל דערגרייכן.

די שפּראַכן הייבן אויף די ווערטער,
די נעמען פון די זאַכן, ערטער,
וואָס גיסן זיך אין רוים צוזאַמען
און שוועבן איבער ערד און ימען.

די שפּראַכן פליִען ווײַט אַריבער
און לאָזן אָפּט מאָל ווערטער איבער —
סע קומט דערנאָך דער שײנער טרוימער
און קלײַבט די ווערטער צווישן ביימער.

נאָר אָפּט מאָל טרעפט, די שפּראַכן ברומען,
דער טרוימער קאָן צום וואָרט ניט קומען,
ער קוקט אַרויף אין אַלע עקן
און ברעכט די פּיס איבער אַ שטעקן.

און היט ער זיך, איז קומט ער שפּעטער —
צום פרילינג, ווען סע פאַלט שוין בלעטער,
צום אָסיען, ווען די פרוכטן פרירן,
צום ווינטער, ווען די טײַכן רירן.

ג

איך גיי אויף פּראָסטע וועגן אום.
צי גיי איך גלײַך? צי גיי איך קרום?
איך הייב די אויגן אויף, דעם קאָפּ
און זע — אַ צווייטער גייט אַראָפּ.

מיר איז אין טאָל די שטילקייט קאַרג,
כ'האָב ליב די שטילקייט פונעם באַרג
און חלום איך דעם אַררט,
בין איך אַ גאַנצן טאָג שוין זאַט.

איך זע אַ באַרג און דו — אַ טאָל,
פאַר וואָס זשע איז דער וועג אונדז שמאָל?
פאַר וואָס זשע טרעפט זיך, אַז סע ווערט
אונדז ווייניק לופט איבער דער ערד?

פאַר וואָס זשע טרעפט זיך, אַז סע דאַכט,
אַז גאָר דער שוואַרצער רוים, די נאַכט,
איז ניט קיין רוים, איז גאָר אַ וואַנט
געבויט מיט גראָבער, שוואַרצער האַנט ?

די שוואַרצקייט, דאָס איז אונדזער שרעק,
דאָס פײַער מאַכט פון איר אַן עק,
נאָר ניט פון יעדן פײַער ווערט
אונדז ליכטיק איבער אונדזער ערד.

עס טרעפט, עס צינדט זיך אָן אַ שײַן
און כאַפּט זיך אין דײַן סטויג אַרײַן
און צינדט דיר אָן דאָס שטרוי פון דאַך —
דאָס הויז ברענט אויס, ווערט ווידער נאַכט.

סע טרעפט, סע צינדט זיך אָן אַ ליכט
און מאַכט דיר ליכטיק דײַן געזיכט,
נאָר הינטער דיר אַ שאָטן גרויס
לעשט אויס די שויבן פון דײַן הויז.

דער שאָטן קומט פון דיר אַליין
און וואַרפנדיק אין אים אַ שטיין,
דו טרעפסט אין שאָטן פון דײַן קאָפּ,
וואָס פאַלט מיט שטיקלעך גלאָז אַראָפּ.

נאָר אָפט מאָל טרעפט מען יענעם אויך
אַ שטיין אין קאָפּ, אַ שטיין אין בויך,
און אָפט מאָל וואַרפט מען אויך אַ וואָרט —
ווי מיט אַ שטיין אין זעלבן אָרט.

ד

איך גיי אַרום אויף פּראָסטע וועגן,
וווּ אַלע קומען עפּעס פרעגן,
די מענטשן לויפן פון די היימען
צום וועג, צום ענטפער פון געהיימען.

און ווער סע זוכט אין וועג זײַן נעכטן,
און ווער — אַ מאָרגן אַ גערעכטן,
און ווער די טריט פון זײַן באַשערטער —
ניט שטענדיק טרעפט מען אויף די ערטער.

די וועגן פירן אָפט צוזאַמען
אַ יתום מיט אַ פרעמדער מאַמען
און הונדערט מיידלעך אָן חתנים
און טויזנט ווערטער אָן די גראַמען.

די וועגן טיילן אָפט פונאַנדער
צוויי וואַנדערער אין זייער וואַנדער,
וואָס זוכן זיך דערנאָך אַ לעבן
און טרעפן זיך ניט אויף די וועגן.

און קומט שוין איינער אויף די שפּורן
פון יענעמס רעדער, יענעמס פורל,
איז יענער ווײַט שוין אָפּגעפאָרן
און ווײַטער ציִען זיך די יאָרן.

די וועגן ווײַזן ווײַטע מילן
און ברענגען דיך צו אַנדערע צילן,
זיי ווײַזן אָפט אַ פרישן ברונעם,
וואָס טריקנט אויס זיך ביז דײַן קומען.

זיי ווײַזן אָפּט דיר שיינע שלעסער,
דו גייסט — זיי ווערן גרעסער, גרעסער,
נאָר בעסער וואָלסטו ניט געגאַנגען —
דאָס זענען תּפיסות, ביסט געפאַנגען.

ה

איך גיי אַרום אויף וועגן פּראָסטע,
אויף וועגן זײַטיקע, פאַרלאָזטע,
איך גיי אַרויס צום וועג צום ברייטן,
מיר קלינגען אויף די שטיינער קייטן.

איך בין אַ טרוימער אויף די וועגן
און שלעפּ מײַן טרויער אויפן רעגן,
נאָר ס'טרעפט, די זון איז אויפגעגאַנגען
און פונעם רעגן וואַקסן זאַנגען.

אָט גייט אַ פרייליכער, אַ פויער,
איך זאָג מיר מוסר פאַר מײַן טרויער,
דאָס פויערל האָט אויסגעטרונקען
און מיט די אייגלעך מיר געווונקען.

איך האָב אים ניט געפרעגט נאָך גאָרניט,
איר נאָמען אויסרעדן איך טאָר ניט,
איז וואָס זשע ווינקט ער מיט אַן אייגל?
צי ווייסט ער, אַז איך זוך אַ מיידל?

צי ווייסט ער, אַז איך זוך אַן אוצר
און ניט אין דאָרף און ניט אין קלויסטער,
איך זוך אַרום זי אויף די וועגן,
איך קלײַב זיך אָקערשט אויף איר פרעגן.

און פרעגן וויל איך יעדן, פרעגן
און די סימנים אַלע געבן:
די האָר, די אויגן און דאָס פּנים,
נאָר זי ניט אָנרופן בײַם נאָמען.

איר נאָמען וויל איך ניט געטרויען
צו פרעמדע ציינער אים צו קײַען,
דעם פרעמדן שלונג אים צו פאַרשלונגען,
כ׳פאַרטרוי אים ניט די פרעמדע צונגען.

זי איז געוואָקסן אין אַ שטיבל,
אין גאָרטן איז געוואָקסן ציבל
און קרויט, קאַרטאָפל און פאַסאָליעס
און אויף די הענט אירע מאָזאָליעס.

אַ שוועסטער האָט זי ווײַט, אויף מײַלן,
און יענע קראַנק איז, דאַרף מען אײַלן,
איז דאַרף מען איר דאָך עפּעס טראָגן,
און ס׳איז ניטאָ קיין פערד און וואָגן.

איז וועט זי גיין, צופוס זיך לאָזן
דורך שטויב און שטעכלקעס און גראָזן,
נאָר אָנגעטאָן — אַ פרייד צו קוקן
און מיט אַ משׂא אויפן רוקן.

זי גייט אַרום. אויף וועלכע וועגן?
בײַ וועמען זאָל איך אויף איר פרעגן?
און ווער וועט מיר אַן ענטפער געבן?
איך דאַרף זי האָבן ווי דאָס לעבן.

ו

איך גיי אַרום אויף פּראָסטע וועגן,
איר ווייסט דאָך שוין, וואָס כ׳האָב צו פרעגן,
אַ פויער גייט. איך פרעג אים איבער:
צי האָסטו ניט געזען, מײַן ליבער?

צי האָסטו ניט אין וועג געטראָפן
אַ מיידל מיט אַ זאַק קאַרטאָפל,
אַ יונגע נאָך מיט גרויסע אויגן,
זי טראָגט די משׂא ניט געבויגן.

ער קוקט אויף מיר און ענטפערט ביטער:
אַ מיידל אין אַ גרינעם סוועטער,
זי האָט געשלעפּט זיך מיט אַ זעקל
און קוים געגאַנגען מיטן שטעקן.

אַ גרינער סוועטער? יאָ, ס׳איז אירער.
נאָר זי — אַ שטעקן פאַר אַ פירער?
אַ זעקל — ניט קיין זאַק קיין שווערן?
דאָ ווייס איך ניט וואָס איבערקלערן.

איך לאָז אין וועג אים שטיין, דעם גייער,
מיר ווילט זיך אים ניט גלייבן זייער,
אַ צווייטער שווימט אַרויס, אַ פאָרער,
צי וועט דער פאָרער רעדן קלאָרער?

איך שטעל אים אָפּ און פרעג אים איבער:
צי האָסטו ניט געזען, מײַן ליבער?
צי האָסטו ניט אין וועג געטראָפן
אַ מיידל מיט אַ זאַק קאַרטאָפל?

אַ ייִדיש קינד מיט שיך־און־זאָקן
און מיט געדיכט־פּאַרקעמטע לאָקן,
אַ יונגע נאָך מיט גרויסע אויגן,
זי טראָגט די משׂא ניט געבויגן.

ער איז מיט מיר אַ ווײַל געשטאַנען
געפּרוווט אין אַלץ זיך צו דערמאָנען,
אין יעדן איינעם וואָס באַגעגנט
די לעצטע טעג אויף זײַנע וועגן.

ער רעכנט אויס: אַ וואָגן קאָרן,
אַ וואָגן ווייץ איז נאָכגעפאָרן,
אַ פערד־און־וועגל מיט אַ ייִדן,
וואָס פאָרט אַרום אויף די יאַרידן.

און אויפן זעלבן וועג אַ ווײַבל,
אַ ווײַבל אין אַ גרינעם לײַבל,
זי האָט די טאָרבע אויף זיך געטראָגן
און נאָכגעשלעפּט זיך נאָך אַ וואָגן.

אַזאַ מין מעשׂה — וואָס זשע הייסט עס ?
צי פאַסט עס דען פאַר אירע פּלייצעס,
אַ טאָרבע זאָל זיך טעלעבענדען ?
צו וועמען זאָל איך איצט זיך ווענדן ?

אָט יאָגט אַ רײַטער דאָרט אַן אַלטער,
דאָסווילדע הייסע פערד פאַרהאַלט ער,
איך מוז צום דריטן מאָל נאָך פרעגן
אַ מענטש, וואָס רײַט אויס אַלע וועגן.

כ'בין צוגעגאַנגען צו דעם דריטן,
דער דריטער האָט אין האַרץ געשניטן:
באַגעגנט, זאָגט ער, אַ האָרבאַטע,
אַ ייִדענע אין אַ גרינער שמאַטע.

איך האָב געלאָזט אים ווײַטער יאָגן —
אַ מענטש, אַ הונט, אַ פערד־און־וואָגן —
איך האָב ניט אָפּגעשטעלט שוין קיינעם,
מיר האָט געדאַכט, די וועגן וויינען.

נאָר אַז איך האָב דערזען דעם ייִדן,
וואָס פאָרט אַרום אויף די יאַרידן,
האָב איך אים שלום אָפּגעגעבן
און אים גענומען איבערפרעגן.

איך האָב, זאָגט ער, אין וועג געטראָפן
אַ מיידל מיט אַ זאַק קאַרטאָפל,
אַ ייִדיש קינד מיט שיך־און־זאָקן
און מיט געדיכט־פאַרקעמטע לאָקן.

אַ יונגע נאָך מיט גרויסע אויגן,
וואָס טראָגט די משׂא ניט געבויגן,
ז'איז ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן,
ווי גלײַך זי טראָגט ניט קיין קאַרטאָפל.

ז'איז ניט געלאָפן, נאָר געפלויגן,
ווי גלײַך דער זאַק וואָלט ניט געוווגן
קיין פינף פוד און נאָך אַריבער,
זי האָט געלאָזט זיך צו די ש'טיבער.

זי איז צום שטעטל צוגעקומען
און אין אַ גאַס אַרײַנגעשװוּמען,
איך האָב זי דאָרט פון אויג פאַרלאָרן,
ווײַל איך געמוזט האָב ווײַטער פאָרן.

כ'האָב אָפּגעדאַנקט דעם ייִד, געבעטן —
דעם וועג מיר ווײַזן צו דעם שטעטל,
און אַז מיר האָבן זיך געזעגנט,
צעזונגען האָבן זיך די וועגן.

ז

איך האָב זי אומעטום געזוכט,
בײַ אַלעמען אויף איר געפרעגט
און וועמען־וואָס ס'האָט זיך געדוכט,
האָב איך געזען און דורכגעלעבט.

איך האָב פאַר יעדן פוסטן וואָרט,
וואָס עמעצער האָט ערגעץ ווו
פאַרלוירן אויף אַ פוסטן אָרט,
געקרענקט און ניט געהאַט קיין רו.

איך האָב זיך צוגעהערט צו רייד,
איך האָב צו אַלץ זיך צוגעקוקט,
וואָס האָט איר פנים אויסגעדרייט
און האָט איר רוקן אײַנגעבוקט.

פאַר יעדן גראָבן פאַלשן שטריך,
וואָס מ'האָט מיט האַס איר צוגעמאָלט,
געשניטן שטיקער כ'האָב פון זיך
און מיטן לעבן שיִער באַצאָלט.

נאָר סוף־כּל־סוף בין איך אַרויף
אויף יענעם וועג, וואָס פירט צו איר,
צום שטילסטן גײַסט, צום שענסטן גוף,
וואָס מ׳האָט פאַרלײקנט אים פאַר מיר.

זי האָט געוואַרט, זי האָט געוווּסט,
אַז ניט אומזיסט פאַרגײט די צײַט
און ניט אַיעדנס וואָרט איז פּוסט:
ער וועט דערפרעגן זיך בײַ לײַט.

סע טרעפט אַ מאַרק זיך, אַ יאַריד,
און מענטשן טויזנטער אויף אים
און צווישן זײ אַן אַלטער ייִד,
וואָס וועט איר זאָגן ווו איך בין...

איך האָב געזוכט זי אומעטום,
געפרעגט בײַ אַלעמען אויף איר
און ס׳האָט דער ייִד געענטפערט: קום,
מײַן בלאָנדזשענדיקער זון מיט מיר.

איך וועל דיר ווײַזן נאָר דעם וועג,
דערנאָך וועסט שוין גײן אַלײן,
קײן פרעמדן שטעל ניט אָפּ, ניט פרעג
דאָס אָרט, ווו ס׳וואַרט אויף דיר אַ הײם.

ס׳האָט געשנייט, געשנייט

ס׳האָט געשנייט, געשנייט, געשנייט,
איצטער ליגן שנייען גרייט —
פאַרן פרילינג גרייט.

האָסט גענייט, גענייט, גענייט
און דעם שניי אַרייַנגענייט —
אינעם פרילינג־קלייד.

בליצט די נאָדל זילבער־דין,
ווּ זשע קומט די וויַיסקייט הין,
אַז דאָס קלייד איז גרין?

גרין דאָס גראָז און גרין דער בוים,
רירט זיך אָן דער גרינער זוים
מיטן בלויען זוים פון בוים.

ס׳האָט געשנייט, געשנייט, געשנייט
און די פאַרבן צוגעגרייט —
פאַרן פרילינג־קלייד.

דער וואַנדערער

1 אַ גאַנצן טאָג אין מאַרק אַרומגעלאָפֿן,
2 איצט זיץ איך בײַ מײַן טיש, די קינדער שלאָפֿן
4 אַ ייִדן פֿון יאַריד צוריק האָט אָנגעטראָפֿן
3 דאָס ליכט פֿון פֿענצטער מײַנעם וואָס איז אָפֿן,
5 און אים צו מיר אין הויז אַרײַנגעבראַכט
6 אין מיטן נאַכט.

„אַ גוטן־אָוונט, האָט ניט קיין פֿאַראיבל,
בין אויך אַ בעל־הבית פֿון אַזאַ מין שטיבל,
איצט קום איך פֿון יאַריד, וואָס מ'האָט צעטריבן,
און בין אין מיטן וועג דעם בלאָטיקן פֿאַרבליבן —
איז לאָזט מיך איבערזיצן אויף דער באַנק
דאָ, נעבן אײַער ספֿרים־שראַנק".

„און אויב מע מעג פֿון שראַנק אַ ספֿר נעמען,
כאָטש מיד בין איך, כ'וועל שפּעט ניט וואַכן קענען,
מיר וועלן זיך בײַם ספֿר בלויז באַקענען:
ואלה שמות, אָט זענען אונדזערע נעמען,
זיי גייען איבער, זעט, מדף לדף,
פֿון בראשית אָן, פֿון סאַמע וועלט־באַשאַף."

„די ספֿרים אונדזערע ברענט מען אָפּט אין שײַטער,
די נעמען ברענען ניט, די נעמען גייען ווײַטער,
צוליב די נעמען האָט מען אונדז דערווײַטערט
פֿון אַלע שׂימחות אויף דער וועלט פֿאַרשײַטער —
מיר לעבן שטיל, די קעפּ אַראָפּגעלאָזט,
מיר לעבן פּראָסט."

„מע גייט אַרום פון איין יאַריד צום צווייטן,
מע טראָגט אויף זיך דאָס שווערע פּלייצע־קלייטל,
אַ האָרב מיט שאַלן, טיכעלעך מיט קווייטן —
אַ קעמל אַ באַלאָדענער אויף אַ וועג אַ ברייטן,
נאָר אָפּט מאָל טרינקט מען זיך אין מיטן וועג
און מיטן לעצטן שווימט מען צו צום ברעג."

„די סחורה גייט אַראָפּ צום דנאָ אין גאַנצן,
גזלנים טוען אָן רוסאַלקעס דאָרט, וואָס טאַנצן,
אין טיכעלעך מיט אויסגעמאָלטע קראַנצן,
אין שיכעלעך ווי רויטע פּאָמעראַנצן.
אַ ייִד אַנטלויפט פון דאָרט ווי פון אַ בראַנד —
דעם שטעקן און אַ בינטל אין דער האַנט."

„און לויפנדיק דערזעט מען אין דער פינצטער,
אַ שייַן פון ווייַטן אין אַ ייִדיש פענצטער,
דער שטילסטער צייכן פון דער שייַן דער מינדסטער
איז שענער פון דער שׂרפה פון דער שענסטער.
און אַז מע גרייכט צום פענצטער אין אַ גוטער שעה,
איז דאַנקט מען גאָט און מען זאָגט: כ'בין דאָ!"

איך האָב אים נענטער צו דעם טיש פאַרבעטן,
האָב אויפגעוועקט מייַן פרוי דאָס בעט אים בעטן,
צו ערשט מיט היימיש ברויט אים אָנצוזעטן —
דעם אויסגעווייקטן גאַסט, דעם וואַנדערער דעם שפּעטן,
דערלאַנגען וואַסער אים צום וואַשן זיך אַ קוואָרט,
באַוואָרענען זייַן בינטל אויף אַן אָרט.

ער האָט זיך אויסגעטאָן דאָס רייַזע־רעקל,
דאָס דורכגעווייקטע פול מיט רייַזע־פלעקן
און, זיצנדיק, זיך אָנגעשפּאַרט אין שטעקן —

דעם אויסגעוואַנדערטן אין אַלע אַלע עקן ;
דעם שטערן אָפּגעווישט, די באָרד געגלעט,
זיך אויסגעהוסט און זיך אויף ס׳נײַ צערעדט.

עס האָט פון אים געשמעקט ווי פון אַ גערטנער,
זײַן יעדעס וואָרט — אַן עפּל אַ פאַרווערטער,
ס׳האָט אויך די פרוי אין קיך געהערט די ווערטער,
די נעמען פון באַקאַנטע און פון פרעמדע ערטער —
ער האָט אויף טיש צעשטעלט ווי אויף דער האַנט
די שטעטלעך פונעם גאַנצן לאַנד :

„אַ זאַווערוכע, זאָגט ער, אין פלאָרעשטער געגנט,
אויף בעלצער וועג האָט אים פאַרכאַפּט אַ רעגן,
פון לונגע טרײַבט דער ווינט דעם שטויב אַקעגן
און אומעטום, זאָגט ער, אויף אַלע וועגן —
איז אָדער ווינטער, אָדער זומער, אָדער האַרבסט
און ביזן טויט איז נאָך אַזוי פיל ווערסט.״

ער האָט גערעדט, זײַן בינטל האָט געשוויגן,
נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, עס האָט געשריגן,
אַז ס׳וויל ניט דאָ אין פרעמדן ווינקל ליגן
און אָנגעהויבן מיטן דיל זיך קריגן,
געבעטן זיך אַהיים, אַהיים צו זיך,
דאָס בינטל מיט אַ העמד, צי שיך.

דער ייִד איז מיד און בלײַבט בײַם טישל ליגן,
איך מונטער אים און טו אים אויס די שטיוול,
ער דרעמלט אײַן און שרײַבט אין שלאָף אַ בריוול —
אַ בריוול פון אַ מידן וואַנדערער אַ ייִדן,
אַ בריוול צו זײַן היימישן, שטעטלדיקן גאָט —
געשריבן פון אַ פרעמדער שטאָט.

אַז ווײַל איז אים, וואָס האָט מײַן הויז געטראָפֿן,
אַז ווײַל איז מיר, וואָס כ'האַלט די טירן אָפֿן,
נאָר וואָס וועט זײַן, דער גורל וועט אונדז שטראָפֿן
און ביידע וועלן וואַנדערן אָן וואָפֿן,
און ביידע וועלן וואַנדערן אין אַ ווייסטער פֿרעמד —
אָן בינטלעך און אָן שיך און אָן אַ העמד ?

געוויין

וואָס האָסטו שוין ווידער צעוויינט זיך ביים עסן,
שוין ווידער געקומען די היים אויפן זינען ?
נו, נעם שוין, צעקיַי, שלינג אַראָפּ שוין דעם ביסן
און לאָז אָפּ דאָס שטעטל, פאַרגעס שוין אין דרינען.

און מאַך ניט קיין ווען פון דעכער און שוועלן,
וואָס זענען פאַרברענט שוין ווי גלייַך ניט געוועזן
און מאַך ניט קיין רעש וועגן ערדענע דילן
און מאַך ניט פון פענצטערלעך קרומע קיין ווען.

וואָס האָסטו שוין ווידער געכליפּעט אין דרויסן ?
אַ בושה פאַר לייַטן, וואָס גייען שפּאַצירן,
צי פּאַסט עס פאַר דיר אַ צעוואַקסענעם־גרויסן,
וואָס לעבט מיט אַ וויַיב און צוויי קינדער אין פּירן ?

וואָס וועלן שוין זאָגן די אייגענע קינדער
ביים זען זייער טאַטן אַן אַלטן, אַ שוואַכן ?
צי וועט פון דייַן וויינען דיר ווערן דען גרינגער,
בשעת דייַנע קינדער זיך וועלן צעלאַכן ?

וואָס האָסטו שוין ווידער די נאַכט אינעם שלאָפן
געוואָיעט, געשריגן : מייַן שטעטל, מייַן ייִדישס !
צי האָט עס דען נאָר אין דייַן שטעטל געטראָפן ?
שוין יאָרן אין דעם און ביסט אַלץ נאָך פאַרחידושט.

און טענהסט, דו קענסט ניט דעם טרויער פאַרטראָגן
און טרויערסט נאָך אַלץ, וויַיל דו קענסט ניט פאַרגעסן
די שטילע פאַרנאַכטן און שיינע פאַרטאָגן
וואָס איבער דייַן שמאָלן און ייִדישן געסל.

— אַט זעסטו, מײַן פרוי, אין דעם טאַקע גייט עס,
איך וועל שוין קיין שטעטל קיין אַנדערס ניט האָבן,
דער טרויער, וואָס ליגט און דריקט אויף די פּלייצעס
ער שטאַרבט ניט, מע קען אים אין דר׳ערד ניט באַגראָבן.

איך ווייס, דו וועסט זאָגן, וואָס טויג דיר דאָס שטעטל
מיט פינצטערע פענצטער, באַוויינסט עס, באַזינגסט עס.
דאָס יידישע שטעטל — פול צרות אַ צעטל
באַשריבן געדיכט אינעם שטעטלשן פינקס.

דו לעבסט אין אַ שטאָט איצט, אין צענטער אין סאַמע,
דו וווינסט אין אַ הויז מיט ליכטיקן מעבל
און ניט אין אַ הײַזקע אַזוי ווי דײַן מאַמע,
וואָס אָפּגעוויסט האָט זי אין שטעטל איר לעבן.

אמת. ס׳איז אמת, איך בענק נאָך מײַן מאַמען,
נאָר ניט נאָך דער הײַזקע אָן בענקלעך, אָן טישן.
איך בענק נאָך די ייִדן, וואָס האָבן צוזאַמען
געלעבט. מיר ווערן דאָך בטל בשישים.

וווּ זענען די ייִדן? דער דײַטש האָט געטריבן
אַ העלפט פונעם שטעטל, אין פעלד זײ דערשאָסן,
די אַנדערע העלפט איז לעבן געבליבן
און שלאָגט זיך פאַר קיום, געזונט און פרנסה.

די אַנדערע העלפט אין דער וועלט זיך צעשאָטן,
וואָס ווײַטער פון שטעטל, וואָס מע האָט עס פאַרשניטן,
נאָר ס׳האָט זײ דאָס שטעטל באַגלייט ווי דער שאָטן
באַגלייט יעדן מענטשן. ס׳האָט זיך גאָרניט געביטן.

מע פּרוּווט ניט צו טראַכטן, מע פּרוּווט זיך צו נאַרן,
מע לעבט אָבער אַלץ צווישן זיי, די פאַרשניטער,
קען זײַן, דער פאַרקויפער פון עפּל און באַרן
האָט נעכטן געהרגעט מײַן מאַמען. איך ציטער.

עס ווילט זיך מיר וויינען, מײַן טײַערע, וויין איך !
ניט יעדער קען וויינען, איז זאָל ער כאָטש הערן —
עס איז דאָך די קלאָג ניט מײַנע נאָר, מיין איך,
עס וויינען בײַ נאַכט אויך אין הימל די שטערן.

אָט ליג איך אין בעט, אין דרויסן איז פינצטער,
נאָר כ׳קען ניט די דעק די וואַרעמע לײַדן,
דאָס קישן דאָסווייכע, וואָס דו בעטסט מיר אונטער
סע שטעכט מיר דאָס לײַב און סע שטעכט אין די זײַטן.

דו לעשסט אויס דאָס ליכט און סע פלאַמט אויף אַ שׂרפה,
דו שטילסט אײַן די ראַדיאָ און סע שרײַט אויף אַ שחיטה
און סע נעמט מיך אַ ווייטיק אַרום ווי מיט רייפן
און סע בליאַסקעט אַ מעסער — אָט ווער איך צעשניטן.

און ניט נאָר דערפאַר, ווײַל ס׳איז פריש אין זכּרון
די שטעטלשע שׂרפות, די רויכן געדיכטע,
עס איז דאָך אַ מעשׂה פון הונדערטער יאָרן —
זי איז דאָך שוין אַלט, אונדזער „נײַסטע געשיכטע.״

עס האָט מיך מײַן מאַמע פאַרוויגט מיט אַ לידל,
אַ ניגון פון ווייטיק און טרויער געפלאָכטן,
דערציילט האָט דאָס לידל פון איינעם אַ ייִדן,
וואָס מ׳האָט אים מיט אַלע נײַן קינדער געשאָכטן.

געווען איז עס דעמאָלט, בשעת די פּאָגראָמען
אויף יידישע שטעטלעך צעזייטע, צעשפּרייטע,
מיט בינטלעך אויף פּלייצעס, אויף ליפּן גאָטס נאָמען,
איז דעמאָלט געלאָפן איין שטעטל צום צווייטן.

געלאָפן דערשראָקן פון שׂרפה צו שׂרפה,
פון אומגליק צו אומגליק געיאָגט ווי משוגע —
אַנטלאָפן פון חורבות, געטראָפן אויף מתים,
אַנטלאָפן פון מתים, געטראָפן הרוגים.

קיין פּלאַץ ניט געווען אויף דער ערד אויף דער ברייטער,
וווהין צו אַנטרינען פון הענט פון פאַרשניטער,
כאָטש נעם שטייַג צום הימל אַרויף אויף אַ לייטער —
באַהאַלט זיך ביַי גאָט ביז נאָכן געוויטער.

נאָר ס'האָט אויך דער הימל געברענט ווי אַ שייַטער
און ס'האָבן געטאַנצט אַרום שייַטער גזלנים
און ס'האָבן געהוליעט דאָרט שיכּורע רייַטער
מיט שפּיזן אין די הענט, מיט העק און מיט צלמים.

און גאָט האָט דערהערט זייער שיכּורן ליאַרעם
און האָט זיך געלאָזט זיי מיט צאָרן צו שטראָפן,
נאָר יעזוס, זייַן זון, האָט אויף זיי זיך דערבאַרעמט,
געלייגט די שיכּורים, די גלייביקע, שלאָפן.

די זון האָט צעשייַנט זיך, דעם שטורעם אַריבער
און אומגעקערט האָט זיך פון מיטן פון וועגן
דאָס יידישע פאָלק — און אין שטעטלעך פאַרבליבן —
און ווידער געפּרוּווט זיך צו לעבן אַ לעבן.

און ווידער געפּאָרט זיך ווי גאָט האָט געבאָטן,
און ווידער געמערט זיך מיט זין און מיט טעכטער,
און ווידער געפּילט, ווי עס רירט זיך אַ שׂטן —
עס וועקט זיך אַ שיכּור, עס רוקט זיך דער שעכטער.

און ער איז געקומען, אָ, קינדערלעך מײַנע,
איר זײַט מיר געבוירן בײַם אָפּגלאַנץ פון פלאַמען,
איר האָט ניט פאַרכאַפּט שוין די באָבעשע ברײַנע,
מײַן טײַערע, מײַן גוטע, מײַן האַרציקע מאַמע.

צוזאַמען מיט ייִדענעס, אָרעמע ייִדן
פון שטעטלעך פון אַלע פאַרלענדטע, פאַרברענטע —
מע האָט זי געפּירט מיט דער ביקס צו דער שחיטה.
מיט איר — אירע שכנות גענענדל און יענטע.

גענענדל און יענטע, איר אָרעמע שכנות,
וואָס ליגן אין קבר מיט די אייגענע קינדער,
איך פלעג אַמאָל לאַכן פון אײַערע געוויינען,
ווי זאָל איך אַליין דען ניט וויינען אַצינדער?

ווי זאָל איך ניט וויינען, אָ מענטשן געטרײַע,
דער מוסר וואָס טויג און די רייד צו וואָס טויגן,
עס האָט מיך דער גורל פאַרהיט פונעם פײַער —
איז מאָל איך אַליין מיר אים אויס פאַר די אויגן

און וואַרף זיך אַליין אין די פלאַמען די רויטע
און לאָז ניט אַדורך קיין וויטיק קיין איינעם,
איך שטאַרב מיט די קינדער און לעב מיט די טויטע —
און טייל זיך ניט אויס פון די שכנות און שכנים.

מײַן פערדל

אַ ריזיקע ערד מיט ריזיקע וועלדער,
איך רײַט און איך קען ניט אַרויס צו קיין פעלדער,
איך קוק אויף דער זון דער פון צווײַגן פאַרשטעלטער.

אַ ריזיקע ערד מיט אומענדלעכע וועגן
און ס׳וואַקסן בײַ זײַטן פון וועגן — שטעגן,
ווי צווײַגן אויף שטאַמען וואָס וואַקסן פון רעגן.

דאָס פערדל מײַנס שפּאַנט. איך זיץ אינעם זאָטל.
וואָס בין איך? ווער בין איך? איך רײַט אַרום בטל —
איך האָב זיך פאַרוואַנדלט אין וואַלדיקן שאָטן.

ווי קום איך אַהער פונעם סטעפּ פונעם ווײַטן,
ווי קום איך אַהער אויף אַ פערדל צו רײַטן,
ווו לעב איך אַצינד און אין וועלכע צײַטן?

איך פּאַשע דאָ פערד און זיי זענען פאַרגאַנגען —
און איך דאַרף זיי זוכן לויט גלעקער־קלאַנגען,
וואָס זענען בײַ זיי אויף די העלדזער צעהאַנגען.

איז רײַט איך אַרום אין דער וועלט אַרײַן פּוסטע.
איך האָב זיך דערמאָנט דאָ אין נעמען באַוווסטע —
סע קען זיי דאָ קיינער, קיין בוים און קיין קוסטע.

איך טראַכט — און סע גייט דאָ פאַרלוירן מײַן טראַכטן:
סע שמעקן מיט פינצטערניש דאָ די פאַרנאַכטן,
מיר דאַכט, מײַן פערדלס טריט מיך פאַראַכטן.

מײַן פערדל, סע טראַכט ניט, עס האָט ניט קײן װערטער,
סע טראָגט זיך אַרום אין זײַן בלוט פול מיט ערטער —
אַזוי װי דאָס לײַב מיט זײַן זעל דער באַשערטער.

אַ חיה אַ שטומע, אַ קאָפּ פול מיט װעגן,
מיט בײמער, מיט גראָזן, מיט ריטשקעס, מיט רעגן,
װאָס רעגנט אַרײַן אין זײַן פערדישן לעבן.

און איך אין דער מיט פונעם װאַלד אויף זײַן רוקן,
איך װײס ניט אין װעלכער זײַט איך דאַרף קוקן,
צו װעלכן אויסטראַכט דאַרף איך זיך בוקן.

אָט זע איך דאָ בײמער און גראָזן און שװאָמען,
און דאָ קומט אַ װאָרט און אַ גראַם צו אַ נאָמען —
דאָס פערדל בלײַבט שטײן װי פאַר פינצטערע תּהומען.

דאָס פערדל בלײַבט שטײן און סע װיל זיך ניט רירן,
סע װיל זיך ניט לאָזן פון װאָרט מײַנעם פירן —
סע שפּיגלען זיך װעגן אין זײַנע געהירן.

זײ פירן, די װעגן, און לאָזן ניט פאַלן —
דעם בער צו דער נאָרע, דאָס פערד צו די שטאַלן,
נאָר איך בין אויף זײ פאַרלוירן, פאַרפאַלן.

כאָטש כ'האָב אויך אַ שטאַל, כאָטש כ'האָב אויך אַ נאָרע,
אַ װײַב מיט עטלעכע קינדער, קײן עין הרע —
נאָר איך קען צו זײ ניט גײן און ניט פאָרן.

איז רײַט איך אַרום אין דער װעלט אַרײַן פּוסטע —
איך האָב זיך דערמאָנט דאָ אין נעמען באַװוּסטע —
סע קען זײ דאָ קײנער, קײן בוים און קײן קוסטע.

רוישיקער ווי ביז אַצינד

דער הונט אין הויף האָט זיך צעבילט
און האָט זיך תּיכף איינגעשטילט,
אַ בוים בײַם פּלויט האָט זיך צעוויגט
און האָט זיך איינגעשטילט צוריק.
נאָר דײַנע טריט פון יענער זײַט —
אין אָנהייב שטיל, אין אָנהייב ווײַט
און נאָך דעם שטאַרקער נעענטער, נאָנט,
פון זינט כ׳האָב זיך אין זיי דערמאָנט —
זיי שטילן זיך ניט אײַן, פאַרקערט,
ס׳ווערט הילכיקער פון זיי די ערד
און הילכיקער די לופט, דער ווינט
און רוישיקער ווי ביז אַצינד.

דו חלומסט אויסצוגלײַכן

דו חלומסט אויסצוגלײַכן אַלע װעגן
און בױען טרעפּ צום סאַמע העכסטן באַרג —
דו קלײַבסט זיך אָפּשטעלן דעם איבעריקן רעגן,
אים אונטערטרײַבן, װען ס'איז רעגן קאַרג.

דו נעמסט זיך אונטער אויסצואײדלען בײמער
און גאָר דעם װאַלד פאַרװאַנדלען אין אַ סאָד
און לאָזן אים אין גאַנצן אָן אַ שומר —
אַרומצוימען, אַרומנעמען מיט שטאָט.

דו חלומסט טאָג־װי־נאַכט װעגן אַ מיטל,
דעם װאָלף געצוימט צו האַלטן אָן אַ שטײַג,
און פאַר די הערשן־הערנער טראַכסטו אויס אַ היטל,
װאָס זאָל בײַם לויף זיך ניט פאַרטשעפּען אין אַ צװײַג.

איך װינטש דיר גליק, מײַן פרײַנד, צו די חלומות
און די חלומות גופא װינטש איך גליק,
עס זאָלן ניט די קומענדיקע דורות
קײן טענות האָבן, טרוימענדיק צוריק.

נײַ־יאָר־נאַכט

א אין קרײַז פון פרײַנד

אין קרײַז פון פרײַנד בײַם װײַסן טיש
דאָס נײַע יאָר װערט באַלד באַגעגנט
און פלעשער, טעלער אױפן טיש,
סע שנײט מיט קעז, מיט װײַן סע רעגנט.

יאָ, קעזן, קעזן אַלערלײ,
סע שמעקט געקאָכטס, סע רײצט געבראָטנס,
דער טישטעך װײַס װי פרישער שנײ
און אױף דער װײַסקײט העלע שאָטנס.

די שאָטנס פון די פרײַנד און געסט
זיך װיגן ריטמיש צום געלעכטער,
מע לאַכט, בשעת מע טרינקט, מע עסט,
מע זינגט, בשעת מע הײבט דעם בעכער.

און נאָך דעם טענץ און דער באַריר
פון דיר... ס׳נעמט דורך דאָס הײסע לעבן!
און אָט פאַרטראַכט איך זיך... אַ שיר
צו דיר הײבט אָן אין מיר זיך װעבן.

ב און ווידער זיץ איך

און ווידער זיץ איך האַלבע נאַכט פאַרטראַכט,
איך מיש צוריק די זײַטלעך פון מײַן לעבן
און טרעף דאָרט אָן אַן אַנדער האַלבע נאַכט,
ווען ווײיניק זײַטלעך נאָך געהאַט מײַן לעבן.

אין האַלבער נאַכט געזעסן אויך פאַרטראַכט,
נאָר נישט געמישט קיין זײַטלעך פונעם לעבן,
נאָר אָפּגעלעבט די גאַנצע האַלבע נאַכט
מיט יענעם, מיטן דעמאָלטיקן לעבן.

אין קרײַז פון פרײַנד סע ווערט ניט פיל געטראַכט
און ניט מע מישט קיין זײַטלעך פונעם לעבן —
איך נעם אַצינד אָט יענע האַלבע נאַכט
און פול מיר אויס מיט איר מײַן איצטיק לעבן.

אויף דער באַנק

מיר זיצן אויף דער באַנק, די קני אַרויסגעשטעקט,
און קוקן יעדער אין זײַן שויס אַרײַן
און רוען אָפּ די צײַט, וואָס גייט אַוועק,
און נעמט מיט זיך די בילדער און די שײַן.

מיר דרימלען אײַן און אין אונדזער שלאָף —
די ביימער־שאָטנס ווערן ווידער העל,
די שטיבער אויך, די שוואַרצע סטאַדע שאָף
צעגיסן זיך מיט פאַרבן פאַר דער שוועל.

מיר עפענען די אויגן מיט אַ מאָל
זיי שײַנען ווי לאַמטערנס אין דער נאַכט,
מיר הייבן אויף די שאָטנס פונעם טאָל
און שטעלן זיי ווי בילדער אויף דער וואַנט.

מיר הייבן אויף די שאָטנס ביזן באַרג,
זיי טוען אויס דאָס שאָטנדיקע קלייד;
באַקומען בלוט און פלייש און ווערן שטאַרק
און הערן אײַן זיך אין דער טונקלקייט.

די נאַכט אין שטוב איז שטיל

די נאַכט אין שטוב איז שטיל. סע שלאָפן ווײַב און קינדער,
סע שלאָפט מײַן גאַסט און חלומט, שמייכלט קעגן ליכט.
אין דרויסן רוישט דער ווינט אַ פינצטערער, אַ בלינדער
און שפיגלט זיך אין טײַכל און זעט ניט קיין געזיכט.

ביַים ברעג פון טײַך אַ בעטלער, זײַן טאָרבע מיטן שטעקן
צוקאָפּנס — און אַ הינטל היט אָפּ אים זײַן פּאַרמעג.
ער וואָלט אין דאָרף געגאַן, אַ שטיבל אויפצוּוועקן
און נאַכטלעגער צו בעטן, נאָר פינצטער איז דער וועג.

אין דרויסן ליגט אַ שיכּור, אַ זונה ליגט דערנעבן
און ביידע ברעכן אויס די זינד אין זאַמד אַרײַן.
אין שטוב איז שטיל און ליכטיק און איבערן ספר שוועבן
די אותיות און די ווערטער און באָדן זיך אין שײַן.

די נאַכט איז שטיל, נאָר איך — איך קען די נאַכט ניט שלאָפן,
אַ גאַנצן־גאַנצן טאָג אין מאַרק אַרומגעיאָגט,
איצט זיץ איך בײַ מײַן טיש, ניטאָ אויף וואָס צו האָפן,
איך הער די שווערע טריט פון מאָרגנדיקן טאָג.

בלויז מײַן ליבשאַפט

איך פֿאַרלאָז מיך ניט אויף קיין פֿרעמדע הענט.
כ'האָב אַליין מיר אויסגעבויט פֿיר ווענט.
איך פֿאַרטרוי זיך ניט דער שטערנדיקער נאַכט,
האָב איך צוגעדעקט זיך מיט אַ דאַך.
בלויז מײַן ליבשאַפט איך געטרוי מײַן גורל.
בלויז מײַן ליבשאַפט האָב איך ניט פֿאַרלוירן.

איך קען ניט אַרויס

איך קען ניט אַרויס פון פאַרכישופטן קרײַז פון די לידער,
דער טאָג הייבט מיך אויף און די נאַכט לייגט צוריק מיך אַנידער —
און ווידער דאָס אייגענע לידל און ווידער און ווידער.

איך קען ניט פאַרלאָזן דאָס בילד מיט די שאָף און די רינדער,
איך קען ניט פאַרלאָזן דאָס הויז מיטן ווײַב און די קינדער —
ווי ס'קען ניט פאַרלאָזן דעם שטעקן אַ זקן אַ בלינדער.

מײַן מאַמען פאַרלאָזט האָט מײַן טאַטע און געמאַכט אַ טראַגעדיע,
מײַן פעטער האָט געמאָלקן אַ באָק און געמאַכט אַ קאָמעדיע —
און איך זוך אַ גראַם כאַטש נאָך איינעם צו קאָמעדיע־טראַגעדיע.

און ווידער דאָס אייגענע לידל און ווידער און ווידער,
דער טאָג הייבט מיך אויף און די נאַכט לייגט צוריק מיך אַנידער —
איך קען ניט אַרויס פון פאַרכישופטן קרײַז פון די לידער.

דער פרײַז פֿון לידער

כ׳בין אויפֿגעשטאַנען הײַנט פֿאַר טאָג מיט אַ פֿאַרטיק ליד;
צי הייסט עס אַז די לידער מײַנע שרײַב איך ניט?
אַז כ׳האָב זיי פֿאַרטיק און סע קומט מיר ניט דערפֿאַר
קיין הילף ניט, קיין פֿאַיאָק און ניט קיין האָנאָראַר.

צי הייסט עס אַז די לידער פֿאַלן פֿון דער סטעליע מיר אַראָפּ,
ווי קנישעס פֿון קאַרטאָפֿל וואָלטן פֿאַלן אויף מײַן קאָפּ?
פֿאַר וואָס זשע אַז איך פּרוּוו זיי שטעלן אויפֿן טיש,
דערזע איך — ס׳איז אַ שטיין אַ יעדער קניש?

און ווינטער, ווען אין דרויסן הייבן אָן זיך פֿרעסט
און ס׳קומען אין מײַן אַלטער דירה אַלטע, קאַלטע געסט
און וואַרטן איך זאָל ווײַזן דאָס וואָס איך באַהאַלט —
די קנישעס זענען האַרט, די קנישעס זענען קאַלט.

מײַן פֿרוי הייצט אויס דעם אויוון און שטעלט דעם סאַמאָוואַר
און קנישעס באַקט זי אָן אין אויוון, אינעם זשאַר —
און ניט פֿון מײַנע לידער און ניט פֿאַר זייער פּרײַז —
פֿאַר לידער צאָלט מען נאָר מיט שטיינער, שטיקער אײַז.

לידער צו בעלאַן

דאָס ליכטל

דאָס ליכטל פון דײַן קלײנער שויב
איז שטילער פונעם קלענסטן שטערן;
איך האָב פֿאַרטראַכט אַ שווערן רויב,
אַז קײנער זאָל ניט זען, ניט הערן.

בײַ טאָג בין איך אַ קינד, — און מאָרד
איז ווײַט פון קינדערשע געפילן;
בײַ נאַכט — אַ גזלן מיט אַ באָרד,
וואָס קען דעם דאָרשט נאָך טאָט ניט שטילן.

איך גײ איצט אויסברעכן דײַן שויב
און אויסלעשן דאָס שטילע פײַער.
די האַנט אַ הײב — זי ווערט אַ... טויב,
בײַ וועמען ס'איז דאָס מינדסטע טײַער.

מײַן זײדע איז אויך געווען אַ שרײַער
און שטענדיק זיך געשפּילט מיט פײַער.

זעונג

קײנער קומט מיר ניט אַקעגן
אויף די װעגן צו דײַן הויז.
אויך דאָס ליכט, װאָס איך באַגעגן,
רוקט זיך אָפּ און לעשט זיך אויס.

אויך די פענצטער אין די שטיבער
אָנגעצונדענע פאַר נאַכט —
גײען צו דער נאַכט אַריבער,
שטײען פינצטער און פאַרמאַכט.

ס'איז די גאַנצע גאַס פאַרלאָשן,
ניט צו גײן און ניט צו שטײן ;
און מיט פינצטערניש פאַרגאָסן
יעדער שטעג און יעדער שטײן.

צינדט זיך אָן אין האַרץ אַ פלעמל,
װערט מיר ליכטיק אין מײַן קאָפּ ;
און דײַן בילד, װי פון אַ רעמל,
שײַנט פון יעדן דאַך אַראָפּ.

בײַם ווײַס־פֿאַרשפּרייטן

בײַם ווײַס־פֿאַרשפּרייטן ברייטן טיש —
אַ העלע שײַן האָט מיך פֿאַרגאָסן,
דער שלאָף האָט מיר דעם בוך פֿאַרמישט
און מײַנע אויגן צוגעשלאָסן,
נאָר פֿאַרבן ווערן ניט צונישט
און ס׳חלומט זיך מיר עפּל, ניס
און רויטע אַבריקאָסן.

ווײַזט אויס, דײַן אָטעם האָט באַרירט
מײַן שטערן, אויסגעוועבט פֿון טרוימען;
מיך האָט צוריקגעשיקט צו דיר
דער שלאָף פֿון זײַנע טיפֿע רוימען
און ווו איך טו זיך נאָר אַ ריר,
ליגט אָפֿן שוין פֿאַר מיר דער שיר
השירים פֿונעם מלך שלמהן.

אַיעדער אות פֿון ספֿר גליט,
די בלעטער ברענען פֿאַר די אויגן,
נאָר דו — אין מיטן פֿונעם ליד —
דו שטייסט אַ קאַלטע אויסגעצויגן.
איך ווייס ניט, וואָס צו טאָן מיט זיך,
צי קניִען, אויסגעטאָן די שיך —
מײַן פֿראַכט, מײַן רעגן־בויגן.

איך בייג אַראָפּ מײַן קאָפּ צו דר׳ערד,
דו קוקסט צו מיר אַראָפּ פֿון אויבן;
דו האָסט אַזוינס נאָך ניט געהערט —

אַזוי פיל זינגעניש און לויבן.
דו האָסט צום זינגען מיך געבראַכט,
מײַן רעגן־בויגן און מײַן פּראַכט —
מײַן היילקטום, מײַן גלויבן.

בריוו

ס׳איז עמעצנס אַ כּתב צו חלום מיר געקומען,
כ׳האָב ניט דערמאָנט זיך, ווען עס קען עס זײַן,
און ערשט, ווען כ׳האָב פֿון דיר דײַן בריוו באַקומען,
אַ ליכטיקייט איז באַלד אין מיר אַרײַן.

און כאָטש דער טאָג איז וואָלקנדיק געווען
און ס׳האָט אַ רעגנדל אַ גאַנצן טאָג געגרויט,
האָט זון געלויכטן אין מײַן גאַנצן וועזן
און ס׳האָט אין מיר אַ גאַנצן טאָג געבלויט.

און שפּעט בײַ נאַכט, ווען כ׳האָב געלייגט זיך שלאָפֿן,
האָב איך צוקאָפּנס מיר געלייגט דײַן בריוו —
און כ׳האָב געחלומט ליכטיקע אײן־סופֿן
און ס׳וויגט זיך אַ פּאָטשטאָווע בריוונשיף.

אויף ראָזעווע פּאַפּיר

איך זינג צו דיר אַ ליד
אויף ראָזעווע פּאַפּיר
און חלום שטיל פון דײַנע טריט
וואָס גייען צו מײַן טיר.

איך חלום שטיל פון דײַנע טריט —
אויף ראָזעווע פּאַפּיר,
דו שלאָגסט מיר איבער אין דער מיט
בײַם עפענען די טיר.

דו שלאָגסט מיר איבער אין דער מיט,
איך לויף אַקעגן דיר
און לאָז אין סאַמע מיט דאָס ליד —
אויף ראָזעווע פּאַפּיר.

שפעט

שפּעט.
איך האָב זיך אַ ביסעלע איבערגערעדט
און ניט געזען ווי סע טאָגט אויפן בעט
פון איר באַזונדערן צימער.

וואָס עלטער מע ווערט, ווערט מען פרומער,
נאָר מיר ווערן יינגער, יינגער,
און ס'קנאַקן בײַ ביידע די צינגער
אַקעגן גאָט און לײַט,
און ערגעץ הינטערן רוקן,
ווו קיינער פון אונדז קען ניט קוקן,
דאָרט לאַכט פון אונדז די צײַט.

ס'איז שפּעט.
איך רעד און איך רעד און איך רעד,
מײַן וואָרט איז דער קוש און דער גלעט —
כ'דערצייל איר אַ מעשׂה פון איינעם אַ מלאך,
וואָס האָט זיך געשפּילט מיט אַ שד.
אַ מלאך זיצט איבער אַ שד געבויגן
און שפּיגלט זיך אָפּ בײַם שד אין די אויגן,
דער מלאך טוט אויס זיך פון זײַנע פליגל
און קריכט אויף די קני אַרײַן אין שפּיגל.

ס'איז שפּעט.
ס'טאָגט און ס'איז ווידער פרי
איך רעד און איך רעד
און זי —
זי קריכט דעם מלאך נאָך אויף די קני,
דעם ווײַסן מלאך פון מײַנער אַ מעשׂה,

וואָס האָט פֿאַרלאָזט די פֿליגל די ווײַסע,
די ווײַסע ווי שניי,
די פֿליגל די צוויי.
ווי שפּרינגט מען אַריבער איבער זיי?

דײַן שמייכל

דער שמייכל אויף דײַנע קוים־אָפענע ליפּן,
ער האָט זיך געמיניעט, פֿאַרגאַנגען אין צער,
ווען דו האָסט געזען, אַז איך שטיי ווי אַ נאַר
און קען די געפּענטעטע פּיס ניט צעקניפּן.

די קליידער זיי האָבן אין ווינט זיך געריסן,
נאָר איך — ניט געקענט כ׳האָב זיך רירן פֿון אָרט,
מײַן בלוט האָט גערוישט, נאָר איך האָב ניט קיין וואָרט
פֿון מויל געקענט ברענגען, כאָטש נאָר דיך באַגריסן.

ביז וואַנען דו האָסט מיט דײַן לויטערן שׂכל
אַ פֿריילעכן, ליכטיקן שמייכל געטאָן,
און איך בין געוואָרן צעבינדן דערפֿון —
אַ דאַנק פֿאַרן שמייכל, אַ דאַנק פֿאַרן צייכן!

אויסשפּאַנען איך קען די שטאָט

אויסשפּאַנען איך קען די שטאָט פון איין עק ביזן צווייטן,
קום איך אָבער צו דײַן שוועל, פּיל איך שווערע קייטן
אויף די פיס און כ׳פּיל, אַז כ׳קען די שוועל ניט איבערטרעטן,
כ׳טראָג נאָך אין מײַן בלוט אַרום דאָס ווילדע קליינע שטעטל.

אין דײַן שטוב איז שטאָטיש הויך, דו ביסט אַזוי שטאָטיש איידל,
שמייכלסט ווי די זונענשײַן אויף דײַן אָפּגעצויגן קליידל,
דו ביסט שיין און איך בין ווילד, פול מיט בושה ווי אַ שאָטן
פון אַ בוים אין טיפן וואַלד, פון די חיות אויסגעטראָטן.

ווי אַ מיידל פון אַ צירק גייסטו, דײַנע אויגן גלאַנצן
און דו פירסט מיך ווי אַ בער, וואָס מען לערנט אים ערשט טאַנצן,
שטעלסט מיך פאַר פּאַר דײַנע געסט, פרײַע לעפל־גאָפּל־עסער —
מײַנע קרומע אויגן שטעכן ווי אַן אַלט קאַווקאַזער מעסער.

דײַנע געסט צעגייען זיך, ס׳איז מיר שווער מיט דיר צו בלײַבן,
גרינגער וואָלט מיר איצט געווען דיר אַ ליבע־ליד שרײַבן
אין מײַן צימערל אַליין, ווו סע הענגען אַלטע בילדער
פון מײַן שטעטל, פון מײַן היים, פון דער הינטער־גאַס דער ווילדער.

לייגסט אַרויף אויף מיר דײַן האַנט, קוקסט אַרײַן מיר אין די אויגן
און דײַן קליינע האַנט איז שווער, גלײַך זי וואָלט אַ פּוד געוויגן,
גרינגער וואָלט אַ קאַסטן אײַזן איצט געווען פאַר מײַנע פּלייצעס,
ווען דו לערנסט מיך באַנעמונג און דו גיסט מיר קלוגע עצות.

פון דײַן וועזן שטראָמט אַ כוואַליע מיט די וואַרעמסטע פּאַרפומען
אויסגעגאָסן אויף דײַן קערפּער, איידער נאָך איך בין געקומען,
האָסט די פרישקייט אײַנגעהאַלטן און געהיט געטרײַ, געדולדיק,
אָנגעשיכורט פון די ריחות שטיי איך קעגן דיר פאַרשולדיקט.

און איך בעט ביי דיר פאַרגעבונג, וואָס איך האָב צו דיר פאַרשפעטיקט
אויף אַזוי פיל לאַנגע יאָרן און איך האָב זיך אָנגעזעטיקט
מיט די שווייסן פונעם שטעטל, ניט געוווסט דיך ווו צו זוכן
און געקומען אַ פאַרגרעבטער צו די איידלסטע גערוכן.

אַליין

שפּעט בייַנאַכט, אין שטוב אַליין,
דרייַ לאַנגע שעה שוין און איך מיין,
אַז כ׳בין פון אייביק אָן אַליין.

און כאָטש איך ווייס, אַז ניט די שפּראַך,
און ניט די ווענט, און ניט דער דאַך —
איז ניט פון מיר אַליין געמאַכט.

און כאָטש איך ווייס, אַז ניט פאַר זיך
איך שרייַב אַצינד אָט דאָס געדיכט —
איך האָב אין אויג דייַן קלאָר געזיכט.

און כאָטש איך ווייס, ווי נאָר סע טאָגט,
ווי נאָר דער זייגער זיבן שלאָגט,
דו קומסט, ווי דו האָסט צוגעזאָגט.

דאָך פיל איך איצט, איך בין אַליין
און כ׳לאָז ביז טאָג ניט אונטערגיין
אָט דאָס געפיל, דעם פאַלשן מיין,
אַז כ׳בין פון אייביק אָן אַליין.

גלייביק

ס׳איז ניטאָ זיך וואָס צו קלאָגן —
אויף אַ האָר ניט!
אַז איך האָב ניט וואָס צו זאָגן,
זאָג איך גאָרניט.

שוויַיג איך ווי דו האָסט געבעטן
היַינט און נעכטן
און איך גלייב אין גאָט פון שטעטל —
דעם גערעכטן.

וויסן אָבער זאָלסטו וויסן,
גלייבן הייליק,
אַז אין זכות פון דיר, מיַין זיסע,
בין איך גלייביק.

ס׳האָט די שטאָט

ס׳האָט די שטאָט באַהאַלטן זיך אין נעפּל,
ריכטיקער — דער נעפּל באַהאַלטן האָט די שטאָט,
טאַפּ איך מיט די פיס און זוך צו דײַן טיר דאָס טרעפּל,
טאַפּ איך, טאַפּ — און איך טרעף עס, דאַנקען גאָט!

אין דײַן צימער פון דער נעפּל־שײַן אין פענצטער
זיפּט זיך דורך אַ לויטערקייט, אַ ליכטיקייט פון גאָלד;
פון די גרויסע בילדער און פון דער ראַם דער דינסטער
שײַנט אַראָפּ די פאַרביקייט ווי אָקערשט אָנגעמאָלט.

ווי אַ שיף, אין גרויסן ים דעם גרויען,
וויגט אין נעפּל זיך דאָס צוגעמאַכטע הויז,
אין פאַרפלייצעניש פון בלינדמאַכנדע טויען
לאָזט מען אויך קיין טויב אַפילו ניט אַרויס.

מאָרגן, ווען דער נעפּל וועט זיך לייגן
און פאַרשווינדן פון דער שטאָט און פונעם פעלד,
ווי פון נחס תּיבה — די חיות און די פייגל —
וועלן מיר אַרויסלאָזן די פאַרבן אויף דער וועלט.

זאָגט מײַן טײַערע

נו, צי ניט אַרויס די נשמה
און נעם ניט דאָס חיות אַרויס,
דו האָסט מיר געבראַכט אַ מתּנה
און זאָגסט מיר פון איר ניט אויס.

זאָל זײַן, אַז דו װילסט מיר ניט װײַזן,
זאָל זײַן, עס איז נאָך ניט די צײַט
צו װײַזן די פּרוכט פון דײַן רײַזן
אין אַנדערע ערטער װײַט.

צו װאָס זשע דאָס רײַצן זיך, האַלטן
אַ שאַכטל באַהאַלטן פון מיר?
װאָס האַלטסטו דאָס שאַכטל באַהאַלטן?
עס קוקט דאָך פון רעקל אַפיר.

איך טו דיר אַ װונק און אַ שמײכל,
פאַרלירסטו אין גאַנצן דײַן קאָפּ,
פאַרלירסטו דעם קאָפּ מיטן שׂכל
און ס'פאַלט דײַן מתּנה אַראָפּ.

די װאַזע צעברעכט זיך אויף שטיקלעך,
נאָר דאָס איז נאָך ניט דער סוף,
מײַן מאַמע איז איבערגליקלעך
און שרײַט אויס: מזל טוב!

אַלע אַלע

די רויטע זון די צעפלאַקערטע,
די שוואַרצע ערד די צעאַקערטע,
דער הימל דער אויסגעלײַטערטער,
דער וואָלקן דער דערווײַטערטער,
דער בוים וואָס אויפגעהויבן זיך,
די וועגן וועלכע שטויבן זיך,
דער רײַטער וואָס דערנענטערט זיך,
דער נאַשער וואָס פאַרענטפערט זיך,
דאָס קינד, די שול, די לערערין,
די גאַס, די גאַסנקערערין,
די שטוב, פאַבריק און אַרבעטער,
דער קוימען דער פאַרכמאַרעטער,
דער טײַך דער אָנגעוואַרעמטער,
דער שטורעם אויפגעליאַרעמטער,
די רויִקייט געווזענע,
די מיידלעך די באַלעזענע,
פאַרנייגטע, זיסע, העפלעכע
מיט ווערטער שיינע, טרעפלעכע —

זיי אַלע, אַלע, אַלע
באַגריסן מײַן שיינע כּלה,
באַגריסן מײַן אויסדערוויילטע
מיט מעשׂיות נאָך ניט קיין דערציילטע
מיט לידער פון אירעטוועגן,
אַ ליד פון אַ זון מיט אַ רעגן,
אַ ליד פון גליקן פון זיבן,
וואָס כ׳האָב איר אָנגעשריבן.

אַ דינינקער שניי

אַ דינינקער שניי אויפן גלאַטן אַספאַלט,
מיר גייען מיט קורצינקע טריט ;
מייַן ווייַבל איז יונג און מייַן מאַמע איז אַלט
און איך צווישן זיי אין דער מיט.

מייַן ווייַבל זי טוט זיך אַ גליטש, טוט אַ קוויטש,
מייַן מאַמע — אַ פאַל און אַ קרעכץ
און איך אין דער מיטן פון פאַל און פון גליטש —
אין מיטן פון לינקס און פון רעכטס.

מייַן ווייַבל זי טוט מיך אַ שלעפּ און אַ דריי,
צעלאַכט זיך אַזוי ווי די זון ;
מייַן מאַמע הייבט אויף זיך אַליין פונעם שניי
און לאָזט מיך ניט פאַלן — דעם זון.

מייַן ווייַבל, זי שטעלט מיר אונטער אַ פוס,
איך פיל, אַז איך ברעך רוק און לענד ;
מייַן מאַמע הייבט אויף מיך און איך — איך קוש
מייַן... ווייַבל אין קאָפּ, אין די הענט.

אַ דינינקער שניי אויפן גלאַטן אַספאַלט,
מיר גייען מיט קורצינקע טריט ;
מייַן ווייַבל איז יונג און מייַן מאַמע איז אַלט
און איך צווישן זיי אין דער מיט.

אָטעם

אָטעמט דער ווינט מיט די ריחות פון רעגן,
אָטעמען מיר מיט די ריחות פון ווינט,
בײַטן מיר זיך מיט מײַן פרוי מיט די אָטעמס,
ווערט אונדז געבוירן אַ קינד.

אָטעמט דאָס קינד מיט די ריחות פון גראָזן,
אָטעמען גראָזן די ריחות פון בוים,
רוישן די ביימער אַזוי ווי די כוואַליעס,
וואָס אָטעמען מיט שוים.

אָטעמט די ערד דעם דאַמף פון די טײַכן,
אָטעמען טײַכן מיט וואָלקנשײַן.
אונטער דעם הימל דעם פאַרבנרײַכן
אָטעמען בלומען די פאַרבן אײַן.

די תּפילה פון אַ פרוי

און מיר איז גוט, ווען איך שטיי אַזוי
פאַר דיר מיט געבויגענע קני,
ערשט איצטער פיל איך, ווי דער פרוי
איז גוט צו זײַן אַ זי.

ערשט איצט פאַרשטיי איך אים, דעם מאַן,
וואָס וויינט אַזוי זעלטן־ווען —
ער וואָלט דאָך אויך אויף יעדן שפּאַן
געוויינט ווי איך, ווען ער קען.

אַ מאַן קען אויפהייבן אין דער הייך
אַ שטיין, וואָס איז גרויס און שווער,
נאָר מיר, אַז אַ קינד נעמט דרייען אין בויך —
איז וואָס קעגן מיר דען ער?

און אַז דאָס קינד גיט זײַן ערשטן שרײַ,
צעפלאַמט זיך אין מיר מײַן גליק.
דער מאַן שטייט שווײַגנדיק דערבײַ
און קאַלט ווי אײַז אַ שטיק.

„שלא עשני אשה" זאָגט
דער מאַן דיר אין דער פרי —
רבונו של עולם, גלייב ניט זײַן זאָג,
דו גלייב דער גליקלעכער זי.

ווײַל ער זאָגט די ווערטער אָפּ אויף גיך,
זיי קײַקלען זיך טרוקן און האַרט,
און פילט דערבײַ ער האָט אי דיך
אי זיך אַליין גענאַרט.

און איך, אַז איך שטיי פֿאַר דיר אין געוויין,
אין ווייטיקן און אין צער,
דערפֿיל איך אַ זיסקייט אינעם שטיין
פֿאַר דיר מיט געבעט, מײַן האַר.

איך בעט דיך ניט דו זאָלסט פֿון לייד
באַפֿרײַען מיך ווי דעם מאַן,
נאָר גיב מיר קראַפֿט און איך בין גרייט
זיך אײַנשפּאַנען אין שפּאַן.

און שלעפּן, שלעפּן נאָך אַנאַנד
די ווייען אין מײַן שויס,
נאָר האַלט מיך פֿעסטער אין דײַן האַנט
און לאָז מיך פֿון איר ניט אַרויס.

איך דאַרף דיך שטענדיק

איך דאַרף דיך שטענדיק און אויך אַצינד,
מעגסט זײַן אויך אַ פרײַנד מיר פון דײַנעטוועגן,
דו האָסט געבראַכט אין דרויסן דעם רעגן,
דו האָסט געמאַכט אין דרויסן דעם ווינט
און האָסט פאַרמאַכט די טיר אויפן ריגל,
איך זאָל ניט קענען אַוועקגיין פון וויגל
פון אונדזער ערשטן קינד.

איך דאַרף דיך שטענדיק און אויך אַצינד,
מעגסט זײַן מיר אַ פרײַנד ניט פון מײַנעטוועגן,
דו האָסט זיך געשטעלט ווי אַ הויז אויף די וועגן,
דו האָסט זיך געשטעלט מיט די ווענט קעגן ווינט,
דו קושסט און האַלדזסט מיך, וואָס איז די סיבה?
דײַן צאַרטקייט איז פול מיט מוטערליבע,
מיט וועלן דאָס צווייטע קינד.

איך דאַרף דיך שטענדיק, מײַן פרײַנד, נאָר אַצינד,
איך קער זיך אום צום וועג אויפן רעגן,
איך קער זיך אום צום ווינט אויף די וועגן,
איך קער זיך אום צום שטויב אויפן ווינט
און בלאָנדזשען וועל איך אַזוי פאַרלוירן,
און בלאָנדזשען אַזוי ביז דו וועסט געבוירן
דאָס דריטע קינד.

ווען דו וואָלסט נאָר געהערט

ווען דו וואָלסט נאָר געהערט דעם רוף פון מײַן נשמה,
איך האָב געשטרעקט מײַן גוף, געקראָכן אין סכּנה,
אין פינצטערניש געצונדן די אויגן אויפן ווינט,
וואָס האָבן ווי לאַמטערנס דיך אומגעזוכט, מײַן קינד.

ווען דו וואָלסט נאָר געהערט, ווען דו וואָלסט קענען הערן,
עס רופט דיך און עס חלומט דיך מײַן ברענענדיק באַגערן
צו זען ווי זעסטו אויס, צו הערן ווי דו רעדסט —
און גלעטן אויך דאָס לעמעלע דאָס זעלבע וואָס דו גלעטסט.

ווען דו וואָלסט נאָר געוווּסט, ווען דו זאָלסט קענען וויסן,
ווי ביטער ס'איז מיר, ביטער אָנעם לעמעלע דעם זיסן,
דאָס לעמעלע דאָס זיסינקע — אונדזער ביידנס טרייסט,
ווען דו זאָלסט קענען וויסן, מיר דאַכט זיך אַז דו ווייסט.

דעם ווילדן טרויער

אונדזער ערשטלינג ריינעלע, וועמענס יונגע ביינדעלעך
מיר האָבן געלאָזט אין די אוזבעקיסטאַנער זאַמדן.

דעם ווילדן טרויער איידל אויס,
ניט שלאָג זיך מיט די הענט אין קאָפּ,
פאַרוויג דײַן ווײ בײַ זיך אין שויס
און לאָז די אויגן טיף אַראָפּ.

דערמאָנסט זיך נאָך אַ מאָל אין קינד,
דער ווײ איז גרויס, איך פיל, איך ווייס,
נאָר מיט די האָר צעלאָזט אין ווינט,
געפינסט אין ערגעץ ניט קיין טרייסט.

און יעדער וואָרט, וואָס קומט פון מויל,
וואָס רײַסט זיך שרײַענדיק פון האַלדז,
לאָז איבערברענען, ווערן קויל —
און מיש עס מיט דײַן ברויט און זאַלץ.

און שטעל בײַם פענצטער זיך פאַר טאָג,
און ווען דו זעסט, די זון גייט אויף,
פאַרלייקן ניט, נאָר גיי און זאָג:
אַז — יאָ, איך זע, די זון גייט אויף...

לאָמיר

לאָמיר אויף די גראָזן זיך אַנידערזעצן
דאָ, צופֿוסנס פֿונעם שטראַל דעם לעצטן

און זיך אונטערהערן צום גערויש פֿון אָוונט
און צו דער נאַכט, וואָס איז שוין נאָענט נאָענט.

ווי אַ שאַל אַ וואָלענער, אַ ברייטער
וועט די נאַכט אונדז איַינהילן די פּלייצעס.

לאָמיר איינער אינעם צווייטנס פּנים
קוקן ווי אַן איינזאַמער קוקט אויף דער לבֿנה.

אין דער נאַכט דער גרויסער האָבן מיר ניט קיינעם,
לאָמיר אינעם חושך האַלטן זיך אין איינעם.

קאַרטאָפּל

איך האָב הײַנט אַ זעקל קאַרטאָפּל
געבראַכט פונעם מאַרק אויף די פּלייצעס,
ווען דו האָסט אין האָלצשײַט געטראָפן
און פינקטלעך צעצווייט עס.

דו האָסט אויף די שפּענדלעך געוויזן,
אַז איך זאָל אַ פײַער צעבלאָזן.
מיר האָבן אויף ערדענעם דיל זיך
געזעצט ווי אויף גראָזן.

מיר האָבן פון ערדענע שיסל
מיט הילצערנע לעפל געגעסן
און האָבן אַ ביסל, אַ ביסל
פאַרגעסן, פאַרגעסן.

אַ האַלב — דו

אַ האַלב — דו און האַלב — אַן אויסגעטראַכטע,
אָט זיצן מיר אין טעג אין שוין פֿאַרבראַכטע,
איך רעד צו דיר און ענטפֿער מיר פֿאַר דיר —
און גוט איז מיר, בשעת איך פֿאַנטאַזיר —
דער טאָוול פֿאַר מײַן דמיון איז די אײַזערנע טיר.

אַ האַלב — דו און האַלב — אַן אויסגעקלערטע,
ס'איז גוט, ווען ווערטער ווערן אויסגעהערטע,
דו שטייסט מיר פֿאַר די אויגן ווען איך וויל —
און ווי איך וויל — אי רוישנדיק, אי שטיל —
דער טאָוול פֿאַר מײַן דמיון איז דער צעמענט־דיל.

אַ האַלב — דו און האַלב — די שוועסטער דײַנע,
די ברוגזע, די קרובה מיט אַ טענה,
אָט שווערט זי זיך, אַז מערער קומט זי ניט —
און קומט דאָך פֿאָרט און ברענגט אַ טעלער פֿיש —
דער טאָוול פֿאַר מײַן דמיון איז דער פּוסטער טיש.

אַ האַלב — דו און האַלב — אַ פֿרעמדע, ווײַטע,
וואָס לאָזט זיך באַלד אויף אַנדערע פֿאַרבײַטן,
נאָר טו איך אין דער הייך מײַן בליק אַ הייב —
דערזע איך דיך, מײַן איינציקע, מײַן טויב —
דער טאָוול פֿאַר מײַן דמיון — די פֿאַרקראַטעוועטע שויב.

אַ האַלב — דו — און האַלב — די אַנדערע אַלע
ווי טענצערינס אַרום דער טאַנצנדיקער כּלה,
זיי דרייען זיך ווי פֿונקען אַרום פֿלאַם —
און יאָגן זיך נאָך תּיקון, נאָך אַ גראַם,
דער טאָוול פֿאַר מײַן דמיון איז דער חלל סתּם.

אַ האַלב — דו און האַלב — דײַן העלפט די צווייטע,
און אַלע דײַנע קליידער געוואָרן אויף דיר ברייטע,
ביסט אויסגעהאָרעוועט און אָפּגעמאָגערט, מיד —
אין אַלע מײַנע זעונגען — דו שטייסט אין סאַמע מיט —
דער טאָוול פאַר מײַן דמיון איז דער שניי וואָס שיט.

אַ בריוו צו מײַן פרוי

איך בין דער לעצטער לייענער
פון דײַנע בריוו צו מיר;
דאָס הייסט: איך בין ניט איינער —
אַ פרעמדער לייענט זיי פריִער.

דאָס הייסט: אַז „טײַערע, ליבער"
און ווי דו רופסט מיך דאָרט,
אַ פרעמדער וועגט זיי איבער —
די וואָג פון יעדער וואָרט.

פאַראַן אַ וואָרט אַ פעדער,
פאַראַן אַ וואָרט אַ פּוד;
פאַראַן אַ וואָרט אַ נדר —
אַ וואָרט וואָס טריפט מיט בלוט.

פאַראַן אַ וואָרט אַ שרײַער,
וואָס הייבט זיך אויף פון מויל
און שפּרינגט אַרײַן אין פײַער
און ווערט פאַרברענט אויף קויל —
פאַר דעם, וואָס איז אים טײַער,
פאַר דעם, וואָס איז אים וויל.

פאַראַן אַ וואָרט אַן ענוו,
אַ שטילס, אַ זיס ווי ווײַן,
וואָס שווימט ווי די לבנה
דיר גלײַך אין האַרץ אַרײַן.

פאַראַנען ווערטער קלאָרע,
וואָס זאָגן יאָ (צי ניין),
פאַראַן אַ וואָרט אַ סברא,
וואָס גלייבט ניט זיך אַליין.

פאַראַן אַ וואָרט אַן אמת,
אַ וואָרט, אַן ערנוואָרט —
פאַראַן אַ וואָרט אַ רמז,
אַ וואָרט, וואָס שפּילט אַ קאָרט.

אַ וואָרט לאָזט אָפּט אַ צייכן,
אַ וואָרט צערינט ווי רויך,
פאַראַנען ווערטער הויכע
און פּראָסטע ווערטער אויך.

אַ פּראָסטער גוטער מאָרגן,
אַ פּראָסטער גוטער יאָר,
פאַראַן אַ וואָרט פול זאָרגן,
וואָס מאַכט דיר גרוי די האָר.

דו שרײַבסט מיר, אַז די קינדער
זיי זענען הויל און בלויז;
דו שרײַבסט מיר, אַז דער ווינטער —
ער נעמט אַרום דאָס הויז.

דו שרײַבסט מיר, אַז איך פעל דיר
אויף יעדן טריט און שריט —
איך זע עס דורך די וועלדער,
נאָר קומען קען איך ניט.

איך וואָלט צו דיר געגאַנגען
אַ באָרוועסער צופוס,
אין פעלד וואָלטן די זאַנגען
גענייגט זיך און געגריסט.

איך וואָלט צו דיר געפֿלויגן —
אַ פֿויגל אין דער לופֿט —
און וואָלט פֿאַר דײַנע אויגן
אַוועקגעשטעלט מײַן גוף.

דו וואָלסט מיך אויסגעבאָדן,
דערלאַנגט אַ פּאָרל וועש,
די קרובֿים אײַנגעלאַדן
און פֿרײַנד פֿון מאַרקולעשט.

נאָר דאָס איז אַלץ אַ קוימען,
איך רייץ זיך נאָר דערמיט —
איך קען דערפֿון נאָר טרוימען,
נאָר קומען קען איך ניט.

איך קען צו דיר ניט פֿאָרן,
איך קען צו דיר ניט גיין,
מײַן משפּט איז אויף יאָרן
און אויסגעקריצט אויף שטיין.

איך גלייב דיר, אַז דו ווילסט מיך,
איך גלייב אין דײַן באַגער,
איך טראָג אויף מײַן געוויסן
דײַן בענקשאַפֿט און דײַן טרער.

איך טראָג אויף מײַן געוויסן
מײַן אומשולד און מײַן שטראָף —
דעם ביינערדיקן ביסן,
דעם שטיינערדיקן שלאָף.

ס'איז יעדן זײַנס פֿאַרשריבן,
נאָר ס'טרעפֿט זיך אויכעט גראָד,
ווען ס'ווערט אַ דור צעריבן
פֿון דער געשיכטעס ראָד.

דו שרײַבסט: „ביסט מײַנער, מאיר,
און דײַנע קינדערס נאָר,
איך בין ניט קיין פֿאַרשטייער
פֿון ראָד, געשיכטע, דור".

דו שרײַבסט מיר: „ס'איז דײַן גורל
צו זײַן דעם ווײַב אַ מאַן,
כ'האָב קינדער דיר געבוירן,
איז שלעף מיט מיר דעם שפּאַן".

דו שרײַבסט מיר, בעלאַ מײַנע,
דו שרײַבסט מיר און איך לייען:
„זײַ מוחל מיר מײַן טענה,
זײַ מוחל מײַן געוויין".

דו שרײַבסט: „עס איז מײַן גלויבן,
עס איז מײַן זיכערקייט,
אַז עפּעס קומט פֿון אויבן,
אַז עפּעס קומט פֿון ווײַט.

עס קלאַפּט שוין אין די שויבן,
עס קלאַפּט שוין אין דער טיר,
עס איז מײַן טיפֿער גלויבן,
איך הער דיך נאָנט פֿון מיר".

דו שרײַבסט... איך לייען דײַן שרײַבן
און פיל ווי עפּעס הייבט
זיך אויף און טוט מיך טרײַבן
צו דיר, צו דיר וואָס גלייבט.

דײַן בריוו האָט זיבן וואָכן
געבלאָנדזשעט ביז צו מיר,
נאָר כ׳גלייב אין דײַן בטחון,
ווײַל כ׳גלייב אין דיר, אין דיר...

איך בין דער לעצטער לייענער
פון דײַנע בריוו צו מיר
און מיר פאַר דײַנע ביינער!
און מיר זאָל זײַן פאַר דיר!

אידיליע

איך פלי ווי אַ פויגל אַוועק פון מײַן נעסט
און ברענג אַ פּאָר קערנדלעך: קינדערלעך, עסט!
די קינדערלעך פּיקן אַ פּיק נאָך אַ פּיק,
דער טאַטע איז געפלויגן אַהין און צוריק,
דער טאַטע איז געפלויגן, אָט זעט, ווי ער פליט,
די מאַמע איז געבליבן און האָט אונדז געהיט;
עס האָבן צעקריגט זיך דער בוים מיטן ווינט,
די מאַמע האָט געטוליעט צום האַרץ יעדעס קינד.

איך פאָר ווי אַ פורל אַוועק פון מײַן היים
און ברענג פאַר די קינדער צו שפּילן זיך ליים,
די קינדער זיי קנעטן אַ וואָלף אויס, אַ בער,
דער טאַטע איז געפאָרן אַהין און אַהער;
דער טאַטע איז געפאָרן, אָט זעט, ווי ער פאָרט,
די מאַמע איז געבליבן אין דער היים אויף אַן אָרט;
די מאַמע האָט די בערן אַרויסגעקערט
און האָט אונדז אַ מעשׂהלע אויסגעקלערט.

איך שווים ווי אַ שיפל אָפּ פונעם ברעג
און ברענג פאַר די קינדער אַ פישל בײַם עק;
די קינדערלעך פּאַקן דאָס פישל בײַם קאָפּ,
דער טאַטע האָט געוויגט זיך אַרויף און אַראָפּ,
דער טאַטע האָט געוויגט זיך, עס האָט אים געגליקט —
צי האָט אים די מאַמע צום וואַסער געשיקט?
זי האָט ניט קיין גליקן קיין גרויסע געוואָלט,
זי דאַרף ניט די מאַמע קיין פישלעך פון גאָלד.

איך גיי ווי אַ וואָגלער אַוועק פון מײַן שוועל
און ברענג אויף די פלייצעס אַ זעקעלע מעל;
די קינדערלעך שטעלן דאָס זעקל אַוועק —
דער טאַטע איז געגאַנגען צופוס אַזאַ וועג,
דער טאַטע איז געגאַנגען, אָט זעט ווי ער גייט;
די מאַמע האָט זיך לאַנג צו זײַן קומען געגרייט —
די מאַמע האָט געוואַשן, געקאָכט און געקערט
און לאַנג צו דער טיר זיך צוגעהערט.

איך טוליע זיך

איך טוליע זיך צו דיר ווי צו אַ מאַמען
און פּאַל אַרײַן — אַ שמעטערלינג — אין פלאַמען
און ווער — ווי יענער מידבר־דאָרן — ניט פאַרברענט
אין דײַנע היילנדיקע, טרייסטנדיקע הענט.

איך טוליע זיך צו דיר ווי צו אַ שוועסטער
און פּאַל אַרײַן ווי אַ געשאָסענער אין דניעסטער
און דאָך — אַ ניט געטראָפענער — איך טרינק זיך ניט און בלײַב
און טוליע זיך צו דיר, מײַן טײַער ווײַב.

איך טוליע זיך צו דיר ווי צו אַ טאָכטער,
איך בין אין לעבן שוין אַן אויסגעקאָכטער,
אַן אויסגעליטענער פון יאָרן דיך ניט זען —
סע ציטערט אין מײַן האַנט די לידער־פען.

דײַן מאָגער פּנים

דײַן מאָגער פּנים — אַ שטילע זון,
וואָס שײַנט דורך אַלע שײַנען,
און ס'ווערט מיר זיס און גוט דערפון,
אַ היילונג צו אַלע פּײַנען.

דײַן מאָגער פּנים בײַם זונפאַרגאַנג
פאַרגייט ניט פון מײַנע אויגן.
ווי גוט איז צו פילן זיך מיד און קראַנק
און דיך איבער זיך געבויגן.

דײַן מאָגער פּנים, די שטילע שײַן,
וואָס לויכט דורך אַלע ליכטער.
צי איז דיר גוט צו וויסן און זײַן
די טרייסט פון אַ ייִדישן דיכטער?

מײַן בילד

אַט קוק איך אויף מײַן בילד, וואָס קוקט צוריק אויף מיר,
און קען זיך ניט דערווויסן, ווי זע איך אויס בײַ דיר.
ווען איך וואָלט אויף אַ רגע געקענט זיך לאָזן שטיין
און אײַנצײַטיק זיך שטעלן אַקעגן זיך אַליין
און אײַנצײַטיק זיך שטעלן דאָרטן ווו דו שטייסט
און זען דאָרט וואָס דו זעסט און וויסן וואָס דו ווייסט,
וואָלט אַנדערש גאָר אין גאַנצן מײַן געזיכט אפשר געווען
און אַנדערש אויך מײַן גאַנג און פירונג אויסגעזען.

און איך...

און איך, וואָס תּמיד מיר באַשערט
געטריבן ווערן אויף דער ערד,
איך האָב נאָך אויך אַ שטיקל ווערט —
אַ זעמדל בײַ דעם ברעג פון ים,
פון גרויסן ליד — אַ קלאַנג, אַ גראַם.

און איך, צי וויל איך יאָ, צי ניט —
כּל זמן איך בין נאָך ניט פאַרשיט
און גיי מיט אַלע גייערס מיט —
איך זאַמל יעדן טאָג צונויף
דאָס ביסל שײַן בײַ אונדז אין הויף
און טראָג עס צו מײַן פרוי אַרויף.

קלײַב איך מיר אויס

קלײַב איך מיר אויס אַ גאָט
פֿון אַלע גאָט־געשיכטן,
איך וועל ניט טאָן קיין טראָט,
ביז ער וועט אים ניט ריכטן.

נאָר אויב ער וועט צו דיר
די וועגן מיר פֿאַרשטעלן,
איז ער קיין גאָט ניט מיר —
ווײַל דו ביסט מיר געפֿעלן.

וואָס ווילסטו נאָך? נו, זאָג!
איך האָב דיר אָפּגעגעבן
די שעהען פֿון מײַן טאָג,
די יאָרן פֿון מײַן לעבן.

בײַ דיר, אין דײַנע הענט,
ליגט גאָר מײַן גיין און קומען
און צווישן דײַנע ווענט —
מײַן שפּיגל און מיין ברונעם.

דו טרײַבסט מיט מיר אַ שפּיל,
דו שפּילסט זיך מיט מײַן ווילן,
איך פֿיל ניט וואָס איך פֿיל,
איך פֿיל, וואָס דו הייסט פֿילן.

איך בין אין גאַנצן דײַן
און ווער, וואָס דו הייסט ווערן,
ווײַל וואָס וועט פֿון מיר זײַן,
אַז איך וועל דיך ניט הערן?

אַ ווענדונג צו מײַן פרוי

מײַן טײַערע בעלאָטשקע, מײַן ליבע,
איך גײ פון רייד צו לידער איבער.
דו הערסט די ווערטער מײַנע קלינגען? —
ס׳איז ניט קיין רעדן שוין, ס׳איז זינגען.

איך ווייס עס ניט ווי אָנצורופן,
צי איז דאָס אויך אַזאַ מין קרענקען?
כ׳האָב ליב צו ליגן, ניט צו שלאָפן
און אין דער שטילקייט נאָכצודענקען —
און אין דער שטילקייט נאָכצוקלערן,
דערבײַ דיך זען, דײַן אָטעם הערן —
און גאָרניט מער, דו קענסט נאָך שטערן.

דו קענסט נאָך, טײַערע, שטערן מיר
צו זינגען, וואָס איך זינג צו דיר.

פיר זײַטן פון איין ליד

א. אַ טײַבל צום שרײַבן

זיץ איך בײַ נאַכט בײַ מײַן טיש און איך טינטל,
פאַלט פון די הענט מיר אַרויס דאָס הענטל:
— וויל איך ניט שרײַבן! וויל איך ניט שרײַבן!...
האָט דען אַ הענטל אַ קול און אַ ווילן?
דריי איך זיך אויס מײַן נײַגער צו שטילן —
זע איך, סע שטייט מיר פאַר ד'אויגן מײַן ווײַבל.

שפּעט בײַ נאַכט פון דער אַרבעט געקומען,
האָט זי געטראָפן איר מאַן אַ שטומען —
ווײַט פאַרטראָגן אין זײַנע מחשבות.
האָט זי געקוקט און געקוקט אויף זײַן רוקן,
ביז ס'האָט דערפילט אויך דאָס הענטל איר קוקן,
האָט עס דערשראָקן זיך ניט אויף קאַטאָוועס.

— וויל איך ניט שרײַבן! וויל איך ניט שרײַבן!
— דאַרף מען ניט, וועל איך דאָס הענטל פאַרטרײַבן!
אָבער מיט וואָס וועל איך ווײַטער קלײַבן
ס'ציקל לידער פאַר מײַן ווײַבל?
סײַדן
מיט די פעדערן פון אַ טײַבל.
גוט איז צו האָבן אַ טײַבל בײַם שרײַבן.

ב. טײַבל־טויב

טײַבעלע־טויב,
לאָז דיך ניט נאַרן,
לאָז אין קײן טויבנשלאַק
זיך ניט פֿאַרשפּאַרן.
פֿלי פֿון דײַן נעסט,
פֿלי דורך דעם דרויסן
און שטעל זיך אָפּ
בײַ מײַן הויז דעם גרויסן.

כ׳בין אין מײַן הויז
אַלײן אַצינדער,
אָן דעם װײַב
און אָן די קינדער.
איז פֿלי אַרײַן,
דאָס פֿענצטער איז אָפֿן
און לײג זיך צו
אויף מײַן אַקסל שלאָפֿן.

איך האָב מיט אַ האַנטעך
פֿאַרטריבן די פֿליגן,
אַז דו זאָלסט קענען
רויִק ליגן.

מיט קישעלעך אויסגעבעט
איז מײַן ראָק;
אַז דאָס איז פֿאַר דיר,
האָב איך ניט געזאָגט.

ווייַל וואָלט עס דער שנייַדער
חלילה וויסן,
וואָלסטו ניט געשלאָפן
מיט שלאָף מיט זיסן.

ער וואָלט אין מייַן רעקל
אַ נאָדל געלאָזט
און דאָס וואָלט דייַן לעבן
מיד געקאָסט.

נאָר כאַפּסטו זיך אויף
און אַ פעדער דיר פעלט
איז וויס, כ׳האָב גענומען
דירה־געלט.

ג. דו האָסט

דו האָסט מיך מיט מײַן טויב געטראָפן
אין סאַמע מיט פון מײַנע סטראָפן,
און ביסט אַוועק זיך לייגן שלאָפן
און איך נאָך דיר בין נאָכגעלאָפן.

דו האָסט פון שלאָף אַרויסגעשמייכלט,
דו קענסט, דאָס איז פאַר מיר אַ צייכן,
אַפילו חלומען מיט שׂכל,
וואָס איך וועל קיין מאָל ניט דערגרייכן.

ווײַל וואָלט איך דיך אַזוי געטראָפן,
ווי דו האָסט מיך מיט מײַנע סטראָפן,
איך וואָלט די נאַכט שוין ניט געשלאָפן,
איך וואָלט אויף בערג אַרומגעלאָפן.

איך וואָלט אַרומגעגאַן ווי שיכּור,
איך וואָלט פון זיך געריסן שטיקער
(ס'איז דאָ פון וואָס, איך בין אַ דיקער) —
איך וואָלט אויף שטיקער זיך צעריסן
פון חושד זײַן און פון ניט וויסן,
ווײַל, וואָס קען וויסן שוין אַ דיכטער
אַפילו אויך ווען ער איז ניכטער?

ד. די לידער צו דיר

די לידער צו דיר איך גיב דיר ניט לייענען,
איך לייען פאַר חברים, איך לייען פאַר פרײַנד
און דו, כאָטש אַ קלוגע, האָסט ליב צו וויינען
און איך, כאָטש אַ נאַר, האָב דאָס וויינען פײַנט.

*

מײַן ליד איז ניט קיין יום־כּיפּור־תּפילה,
קיין מודה־אני פון אַלע טעג.
מײַן ליד איז קיין ברכה ניט אַפילו
איבער אַ קריגל וואַסער אין וועג.

די לידער צו דיר און צו מײַן מאַמען
צי זענען זיי ווערט אַ טרער, צי צוויי ?
די לידער זענען עס ווערט מסתּמא,
אַ סימן, דו וויינסט בײַם לייענען זיי.

מיר חלומט זיך שטענדיק

מיר חלומט זיך שטענדיק, מיר קריגן זיך,
מיר לעבן צווישן זיך ניט בשלום;
נאָר כאַפּ איך זיך אויף און זע איר געזיכט,
פֿאַרשעם איך זיך פֿאַר מײַן חלום.

און כאַפּ איך זיך אויף און זע ווי זי שלאָפֿט,
איז דעק איך איר צו אַן אַקסל,
און שטילינקערהייט גיי איך אַראָפּ
צו זען ווי די קינדער וואַקסן.

ווי זאָגט עס שלום עליכם בײַ אונדז,
באַשרײַבנדיק טביהס מיידן?
זיי עסן בײַ טאָג (אויך מיר אַ קונץ)
און וואַקסן בײַ נאַכט ווי אויף הייוון.

מיר חלומט זיך שטענדיק, מיר קריגן זיך,
מיר לעבן צווישן זיך ניט בשלום,
נאָר כאַפּ איך זיך אויף און זע איר געזיכט,
פֿאַרשעם איך זיך פֿאַר מײַן חלום.

דײַן רוגז

דײַן רוגז לײגט זיך מיר ווי קײטן אויף די פיס.
און ס׳רירט זיך ניט די האַנט עפּעס צו טון.
און איך פֿאַרשפּיל — דאָס ווײס איך אויף געוויס —
און איך פֿאַרליר אין מיטן טאָג די זון.

אַזוי פיל טעג איך האָב שוין דורכגעלאָזט,
כאָטש ווײסן ווײס איך גוט די ווערט פֿון צײַט ;
כ׳האָב אויסגערעכנט פּינקטלעך וואָס דאָס קאָסט —
פֿאַרלירן צײַט צוליב אַ קלײניקײט.

דו ווײסט עס אָבער אויך באַגלײַך מיט מיר,
נאָר גוט איז דיר צו מײנען, אַז די שולד
אין גאַנצן פֿאַלט אויף מיר — און ניט אויף דיר —
ווײַל דו פֿאַרמאָגסט מער אויסדויער, געדולד.

דו קענסט דעם רוגז ציִען אָן אַ סוף,
כאָטש לײַדן לײַדסטו אויכעט, ווען דו זעסט
מײַן פּנים ווערט באַוואַקסן ווי אַ שאָף,
מײַן האַנט זיך רירט ניט צו קײן שום פֿאַרמעסט.

זאָל זײַן אַזוי. דער שאָדן וואָס דו מײנסט
ער איז אין גאַנצן מײַנער, מײַנער בלויז —
איז דײַנער אויך. דו ווילסט עס ניט ? דו ווײנסט ?
איז דאַרף מען ניט, נאָר פֿריִער ווײן זיך אויס.

מיר האָבן דערגרייכט

מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מיט דיר.
דו זיצסט בײַם פענצטער און איך בײַ דער טיר,
בײַ דער אָפענער טיר. מיר קוקן אַרויס,
דו זאָגסט, אַז דער זומערטאָג איז גרויס
און איך — אַז דער זומערטאָג איז הייס.
דו זאָגסט, אַז די היץ איז פון דער גרייס
פונעם זומערטאָג און איך זאָג, אַז ניין.
ווי קומט עס, אַז דו זאָלסט ניט פאַרשטיין,
אַז די היץ קומט פשוט פון דער זון! —
און ס׳ווערט צווישן אונדז אַ קריג דערפון.

מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מיט דיר.
דו זיצסט בײַם פענצטער און איך בײַ דער טיר,
דו זאָגסט, אַז די קאַרשן זענען זיס
און מ׳פילט זייער זאַפט פונעם ערשטן ביס
און איך — אַז פון זיי טוט דער בויך מיר ווי;
איז טרינקט מען, זאָגסטו לינדנטיי.
איך זאָג, אַז די טיי האָט מײַן באָבעס טעם,
צעוויינסטו זיך, ביסט גערעכט מן הסתם,
ווײַל דו ביסט אַ באָבע, נאָר וואָס איז די קלאָג?
איך בין דאָך אַ זיידע פונעם זעלבן טאָג.

מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מ:ט דיר.
דו זיצסט בײַם פענצטער און איך בײַ דער טיר,
ווײַל פון דער טיר איז נענטער אַהין...
צעזשומעסטו זיך אַזוי ווי אַ בין
און נעמסט מיטן זשום דעם קאָפּ מיר אַרום
און טענהסט, דו ווילסט ניט הערן דערפון,

דו טענהסט און קלאָגסט און שרײַסט געוואַלד!
מיר זענען דאָך גאָר ניט אַזוי אַלט!
און כּדי מיך אַוועקנעמען פֿון דער טיר
איז בעטסטו באַדײַ זיך איבער מיט מיר —
מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מיט דיר.

דער גט

האַרעווען, האַדעווען געסט —
אפשר געפעלט דיר דער גורל ?
מיר שאַף אַ רויִקע נעסט,
ליגן און לייענען פאַרלוירן.

מיר גיב אַ בוך און אַ ליכט,
וואַרעמע לופט אויף די פּלייצעס,
קוק מיט אַ רויִק געזיכט,
כ׳בעט דיך, אָן טענות, אָן עצות.

זעץ זיך אַוועק אויף מײַן בעט —
אויב דיר ווילט זיך מיך הערן,
אויב דיר ווילט זיך אַ גט ? —
שרײַב אָן אַ מעלדונג די שטערן.

שרײַב דער לבנה און שיק
אָפּ די מעלדונג מיט אָקסן,
ביז די פּאָטשט קומט צוריק,
קאָך אָפּ אַ יויך מיט לאָקשן.

באַק אָפּ אַ בעקן געבעקס,
באַק אָפּ אַ לעקעך אַ דיקן,
שנײַד אָפּ אַ שטיקל אַן עקסט,
שנײַד אָפּ אַ מיטלסט שטיקל.

זיד אויף אַ טשײַניק מיט טיי,
אײַנגעמאַכטס שטעל און מאַראַנצן,
גיס אָן די גלעזער די צוויי,
זאָלן די גלעזער גלאַנצן.

לאָמיר דעם גט אָן געסט
פראַווען, אָן פרייַנד, אָן קרובים,
ס'איז רויִק אין אונדזער נעסט
מיטן וואַרעמען אויוון.

לאָמיר זיצן אַזוי
ביז אין דער טיפער עלטער,
דו — מייַן געוועזענע פרוי,
איך — וואָס געווען דייַן באַשערטער.

אפשר בייַם סוף פון די טעג —
אין דער שעה אין דער לעצטער —
וועלן צוריק פונעם וועג
קומען די אָקסן צום פענצטער.

קומען און ברענגען אַ בריוו
ביי דער שייַן פונעם לעמפל
מיט די שטערנדלעכס שריפט,
מיט דער לבנהס שטעמפל.

איך האָב ניט געמיינט

איך האָב ניט געמיינט דיך צו קרענקען,
איך שווײַג, ווײַל איך פיל צו פיל.
עס האָט מיך געצויגן דײַן בענקען
און איך בין געקומען שטיל.

איך בין ניט קיין העלד פון אַ מעשׂה,
איך בין ניט קיין יונג מער, קיין גבֿר,
די האָר מײַנע לאַנג שוין ווײַסע,
כ׳בין, ליידער, שוין מער ניט קיין נאַר.

די ליפּן — כאָטש שמאָלע און טרוקן,
נאָר הייס נאָך אַזוי ווי אַמאָל —
און ליבהאָבן האָב איך מסוכּן,
נאָר ניט ווי אַמאָל אויפן קול.

אַמאָל האָט געכוואַליעט מײַן אָטעם
און אײַליק געווען איז מײַן גיין.
כ׳פלעג ליבערשט אַוועקגיין ווי קומען,
כ׳פלעג זוכן צו זײַן אַליין.

הײַנט גיי איך און רעד איך שטילער,
הײַנט גיי איך אויף לאַנג צו דיר ;
און קום איך אַרײַן אין דײַן צימער —
איך דאַרף שוין ניט מערער קיין טיר...

אַלע ווײַסע הײַזער

אַלע ווײַסע הײַזער זענען קויטיק,
נאָר דיין לײַב איז ריין און רויזנהויטיק.

ס'איז דײַן לײַב — ווי פּריִע עפּל ראָזע,
שמעקט און וועקט מײַן מענערישע העזה.

אין אַ הײַזל — קליין און ענג פֿאַרביידן —
קוועלט דער קוואַל פֿון אַלע גרויסע פֿריידן.

קוואַלן האָבן אויך זיך ליב באַהאַלטן
פֿאַרן דרויסנדיקן רעגן פֿאַרן קאַלטן.

אַלע ווײַסע הײַזער אויפֿן רעגן
ווערן קויטיק, בלאָטיק ווי די וועגן.

נאָר דײַן לײַב איז ריין און רויזנהויטיק,
שמעקנדיק און פֿריש און ווייצנברויטיק.

כ'האָב אין אים ווי אין אַ וואַסער קלאָרן
אויסגעבאָדן מײַנע יונגע יאָרן

און אַרויס אין דרויסן אויפֿן רעגן
און געוואָרן קויטיק, בלאָטיק ווי די וועגן.

איצט קום איך צוריק צו דײַנע ברעגעס
מיט חרטה־לידער און עלעגיעס.

ס׳האָט יעדער מענטש

ס׳האָט יעדער מענטש אַ פֿאַלשן פֿרײַנד, ס׳האָט יעדער מענטש אַזעלכן;
און יעדער מענטש איז עמעצן אַליין אַ פֿאַלשער פֿרײַנד.
און איך האָב אויך אַ פֿאַלשן פֿרײַנד, איך ווייס אויך וועמען, וועלכן,
נאָר וועמען פֿאַלש בין איך געווען, איך גריבל זיך ביז הײַנט.

זאָל זײַן, אַז דיר, מײַן ליבע פֿרוי, האָב איך אַמאָל געליגנערט,
ווען כ׳האָב דײַן טיי צו זיס געמאַכט און דיר געזאָגט, ניט איך;
און כ׳האָב אַמאָל אויך צווישן פֿרײַנד פֿאַרהאַלטן זיך, פֿאַרשיכּורט
און דיר געזאָגט, אַז כ׳האָב אין פֿאַרק געשאַפֿן אַ געדיכט.

און כאָטש דו ווייסט, אַז אין קיין פֿאַרקן שאַף איך ניט קיין לידער
און ניט אין שענק און ניט אין קלוב צי אין פֿאַראיין,
האָסטו געגלייבט מיר, וואָס איך זאָג, דו האָסט מיר ניט דערווידערט,
ביז וואַנען כ׳האָב דעם גאַנצן אמת דיר דערציילט אַליין.

ס׳האָט יעדער מענטש אַ פֿאַלשן פֿרײַנד, ס׳האָט יעדער מענטש אַזעלכן;
און יעדער מענטש איז עמעצן אַליין אַ פֿאַלשער פֿרײַנד.
און איך האָב אויך אַ פֿאַלשן פֿרײַנד, איך ווייס אויך וועמען, וועלכן,
נאָר וועמען פֿאַלש בין איך געווען, איך גריבל זיך ביז הײַנט.

אַוועק די לאַנגע פּראָזע־וואָך

אַוועק די לאַנגע פּראָזע־וואָך
און ווידער שבת, ווידער לידער
און ווידער — ווידער, נאָך און נאָך —
און ווידער וואָך און פּראָזע ווידער.

איך גיי אין קעלער טיף אַראָפּ
און טראָג אַרויף אַ קויש קאַרטאָפּל,
דער שטויב, וואָס פֿאַלט מיר אויפֿן קאָפּ,
ער פֿאַלט אין קויש, וואָס כ'טראָג אים אָפּן.

איך שטײַג צום בוידעם אויפֿן הויז,
איך טראָג אויף זיך אַ נאַסע משׂא,
איך צי אַ לאַנגן שטריק דאָרט אויס
און הענג דאָרט אויס די וועש די נאַסע.

איך טראָג צום שוסטער אַלטע שיך
און גיב זיי אָפּ אים צום פֿאַרלאַטען —
מײַן ווײַבל זיצט איבער אַ ציך
און נייט אַרויף אַ רויטע לאַטע.

אָט גיי איך צאָלן דירה־געלט,
אָט שטעל איך קאַווע אויפֿן פֿײַער
און בלויז אַ ליד איז דאָס וואָס פֿעלט —
נאָר אין דער וואָכן איז עס טײַער.

אין מײַן הויז

א. זעץ זיך אַוועק

זעץ זיך אַוועק בײַם טיש מיט מיר,
לאָמיר זיך צערעכענען ;
וואָס איז מיר און וואָס איז דיר —
רויִק אַלץ פֿאַרצייכענען.

דיר — דער פֿאָרהאַנג אויף דער טיר,
דיר — די פֿענצטער־פֿאָרהענגלעך,
דיר — דער שפּיגל, דער קלאַוויר,
דיר — די גאָלדענע אויערינגלעך.

דיר — דער גרויסער קליידער־שראַנק,
דיר — די קליינע שאַפּקעלעך,
ס׳גאַנצע חתונה־געשאַנק
מיט די אַלע צאַצקעלעך.

שלאָפֿן קום איך אויך צו דיר
אין דײַן בעט, דײַן אייגנטום,
בלויז אַ ווינקל לאָז פֿאַר מיר,
זאָל עס זײַן מײַן הייליקטום.

אינעם ווינקל לאָז פֿאַר מיר
ס׳טישל מיטן ליכטעלע,
כ׳קוק פֿון דאָרט, פֿונעם פּאַפּיר
אויף דײַן קליין געזיכטעלע.

ב. קום ניט

קום ניט, לייענער, אין מײַן הויז,
ס'איז בײַ מיר אַ גרויקייט בלויז,
ניט קיין פֿאָרהאַנג אויף דער טיר,
ניט קיין שראַנק, ניט קיין קלאַוויר.

קום ניט, לייענער, אין מײַן הויז,
ס'איז באַרימערײַ דאָך בלויז,
ניט קיין צירונג אויף מײַן פֿרוי,
ווי אין ליד — ס'איז ניט אַזוי.

קום ניט, לייענער, אין מײַן הויז.
אויב דו שעצסט מיך, לייען מיך בלויז.

געפונען

ס'האָט אַמאָל מיט מיר געטראָפן
(ס'טרעפט מיט מיר זיך אָפט),
ניט געווען אין שטוב אַפילו קיין קאַרטאָפל
און דאָס געלט, וואָס כ'האָב געהאָפט
צו באַקומען,
איז ניט אָנגעקומען —
ס'האָט פאַרהאַלטן זיך דער האָנאָראַר פאַרן לעצטן נומער.
בין איך אומגעלאָפן ערגעץ באָרגן,
כאָטש אַ צענערל, אַ פינפערל ביז מאָרגן־איבערמאָרגן ;
אומגעגאַנגען אַ פאַרכמורעטער פון זאָרגן,
אַ פאַרוואָלקנטער, פאַרשוואַרצטער און געשוויגן,
גיי דערווייַז דעם שכן, אַז ער זאָגט אַ ליגן,
ווען ער זאָגט, ער וואָלט געליגן,
נאָר ער האָט ניט איצטער.
אומגעגאַן בין איך אין אַ קאַלטן רעגן אַ פאַרשוויצטער
און אַרייַן צום לעצטן שכן — זיצט ער
גראָד און ציילט ממתּקים מיט די פלינקע הענט
און די שאָטנס פון די הענט טאַנצן אויף די ווענט.
האָט ער מיר שוין אָפּזאָגן, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט
און געגעבן מיר דאָס פינפערל און מיך גלייַך געבעטן.
אַז ווי נאָר כ'וועל באַקומען ס'געלט פון די גאַזעטן
זאָל איך תּיכף ברענגען אים דאָס געלט,
ווייַל גראָד די פינף רובל אים צום חשבון פעלט.
איך האָב אויכעט אַנדערש ניט געטראַכט
און געזאָגט אַ גוטע נאַכט.

כ'בין אַרויס און כ'האָב געפילט, אַז מייַן פּנים שייַנט,
אַז די שכנים אַלע זענען מייַנע פרייַנד,
אַז די מענטשן זענען גוט און צוגעלאָזט

און ס׳איז זיס דאָס ווינטל, וואָס סע בלאָזט,
און סע וואַקסן גראָזן אויף דער ערד
פונעם רעגן, וואָס האָט אָקערשט אויפגעהערט
און דער עיקר זי, דאָס גוטע ווײַבל,
ועט מיך מערער נאָך הלוואות שוין ניט טרײַבן;
וועל איך קענען זיצן רויִק און מיר שרײַבן,
רויִק שרײַבן דאָס איז דאָך דאָס שטרעבן
פון מײַן גאַנצן אומרויִקן לעבן,
פון די ערשטע טריט מײַנע ביז הײַנט.
גיי איך פריילעך מיר אַהיים, דאָס פּנים שײַנט,
כ׳פאַל אַרײַן אין שטוב אַרײַן מיט אַ מזל טוב!
— כ׳האָב געפונען סוף־כּל־סוף...
פרעגט דאָס ווײַבל מיך: פאַר וואָס ניט אַ גוט יום־טוב!
זעסט דאָך אויס, ווי וואָלסט געירשנט אַ מאַיאָנטיק...
הער שוין אויף מיט דײַנע חכמות — זאָג איך צו איר שטרענג!
כ׳לייג אַרײַן די האַנט אין קעשענע און געפין אַ קרענק,
ניט צו אײַך געדעדט. ניט געלייגט, ווײַזט אויס, אַדאָ,
זוך איך אין דער צווייטער, איז דאָרט אויך ניטאָ.
ווערט פאַרכמורעט מיר דאָס פּנים ווידער,
ווי סע טרעפט אַ מאָל זיך, ווען איך זיץ בײַ מײַנע לידער —
און איך זוך דאָס וואָרט וואָס איך פאַרליר
אויפן וועג צו דעם פּאַפּיר.
איצט האָב איך דאָס פרעמדע געלט פאַרלאָרן,
וואָס איך קען עס ניט געפינען, ווי דאָס וואָרט מיטן זכרון,
און איך פיל בפירוש: דער קאָפּ ער ווערט מיר גרוי
פון ניט וויסן ווען און וווּ און ווי אַזוי —
דאָס פּנים ווערט אַלץ טונקעלער, ווערט שוואַרץ
און סע לייגט אַ שטיין זיך אויפן האַרץ
און די הענט אַלץ זוכן, קערן אַלע קעשענעס מיר איבער,
ביז איך שרײַ אויס ווידער צו מײַן ליבער:
— מזל טוב!

כ׳האָב געפונען סוף־כּל־סוף!
— וואָס? דאָס געלט,
וואָס האָט אָקערשט דיר געפעלט?
— וואָסער געלט און וואָסער שמעלט, מײַן ליבע,
כ׳האָב געפּאַקט אין קעשענע דעם לאָך, די סיבה —
און דאָס פּנים שײַנט מיר ווידער.

גראַמאַטיק

איין פּאָר שיכלעך פאַר דער מאַמען מיט די טעכטער,
איין פּאָר שטיוול פאַרן טאַטן מיט די זין;
פאַרן לייענער איז עס אַ געלעכטער,
פאַרן דיכטער איז עס אַ געווין —
אָט דאָס אײַנטיילן די שיך לויט די געשלעכטער,
דאָס פאַרטיילן אָט דאָס שוכוואַרג לויטן מין.
וואָס זשע פעלט דערצו נאָך? פעלט די צאָל,
כ'מיין די מערצאָל — יעדערן אַ פּאָר
אויף יעדן יאָר,
ניט ווי ס'איז געווען אַמאָל־אַמאָל —
איין פּאָר שיכלעך פאַר דער מאַמען מיט די טעכטער,
איין פּאָר שטיוול פאַרן טאַטן מיט די זין;
פאַרן לייענער איז עס אַ געלעכטער,
פאַרן דיכטער איז עס אַ געווין.

דער טרויער שאַרט זיך

דער טרויער שאַרט זיך הינטער מיר מיט אַ מעסער צו מײַן רוקן,
דער ווייסטער טרויער שעמט זיך אין די אויגן מיר צו קוקן,
ער ווייסט, ער האָט ניט איין מאָל מיך אַוועקגענאַרט פון גאָרטן,
וווּ פריידן בליִען, פרייד פון אַלע סאָרטן.

די פרייד פון אויפהייבן אַ זאַק און אים דערטראָגן
און אַנלאָדן מיט זעק אַ פולן וואָגן.

די פרייד פון אַהיימברענגען אַרבוזן פאַר די קינדער
און מענטעלעך און שיכעלעך און הענטשקעס אויפן ווינטער.

די פרייד פון ברענגען דינע סחורה אויף אַ קליידל
דער פרוי — וואָס איז אַמאָל געווען דאָס שענסטע מיידל.

די פרייד פון לייענען נאָך דער אַרבעט דיקע ביכער,
די פרייד פון זיצן רויִק אין דער מיטן פון אַ וויכער

פון אייניקלעך, וואָס דרייען זיך און זינגען
און לאָזן איבער אַרום דיר— זינגענדיקע רינגען.

מיט וויפל פריידן האָב איך אין מײַן לעבן זיך געזעטיקט?
צו וויפל פריידן האָב איך שוין פאַרשפּעטיקט?

דער טרויער שאַרט זיך הינטער מיר מיט אַ מעסער צו מײַן רוקן,
דער ווייסטער טרויער שעמט זיך אין די אויגן מיר צו קוקן.

איך בין דער וועקזייגער

איך בין דער וועקזייגער, וואָס וועקט די קינדער אויף צו גיין אין שול,
איך בין דער וועקזייגער, וואָס וועקט די פרוי פֿאַר טאָג צום מאַרק, צום קויש
און אַלע אויפֿגעוועקטע אין מײַן הויז גייען אום מיט שלאָף נאָך פֿול
און ס'הערשט פֿאַר טאָג בײַ מיר אין הויז אַ פֿאַרשלאָפֿענער גערויש.

און אַלע מיינען, אַז איך וועק ניט איידל זיי, צו שאַרף
און אויך צו פֿרי מיט גאַנצע דרײַ מינוט אין שול, אין מאַרק אַרײַן
און איך אַליין פֿאַרשפּעטיק שטענדיק, ווו איך דאַרף,
עס ווערט, ווײַזט אויס, פֿון מיר קיין גוטער זייגער שוין ניט זײַן.

זאָגט מײַן פרוי

זאָגט מײַן פרוי: איך וויל דיך פרעגן,
ווער פון דײַנע פען־קאָלעגן
איז דיר מער געפעלן?
רוף איך אָן אי דעם אי יענעם —
אַכט און נײַן און פערציק נעמען
זענען מיר געפעלן.

זאָגט מײַן פרוי: אַ חידוש, כ׳לעבן,
וואָס די אַלע פען־קאָלעגן
זענען דיר געפעלן.
ווען איך פרעג בײַ דעם און יענעם,
בײַ די אַלע פופציק נעמען,
ביסטו קיינעם ניט געפעלן.

שלאָפט מיַין פרוי

שטיל אַרום. סע שלאָפט מיַין פרוי
שוין דאָס צווייטע מאָל די נאַכט
און מיַין מידקייט זיצט דערביַי,
רוט זיך אָפּ און זי באַוואַכט.

שטיל און טונקל און מיַין פרוי
כאַפּט זיך אויף שוין נאָך אַ מאָל
און זי זאָגט מיר: אָט אַזוי
זענען מיר מיט דיר אַ פּאָר.

שטיל און שפּעט. ס'שלאָפט מיַין פרוי
שוין דאָס דריטע מאָל די נאַכט
און מיַין מידקייט זיצט דערביַי
רוט זיך אָפּ און זי באַוואַכט.

און אָט

און אָט האָב איך אָנגעהויבן וואַקסן
אין דער הייך, אין דער ברייט, אין דער וואָג.
כ׳ווער שווערער פאַר די ערדישע אַקסל
פון טאָג צו טאָג.

די ערד בייגט זיך איַין אין דרייַען,
זי קנייטשט זיך אין טאָלן און בערג
און וויל זיך פון מיר באַפרייַען,
פון איר אייגענעם ווערק.

זי דרייט זיך מיט מיר, מיט די שטיבער,
און וויל מיך פון סאַמע ראַנד
אַרייַנוואַרפן ערגעץ אין גריבער
פון ערדלאָזן, ענדלאָזן לאַנד.

איך פיל עפּעס טראָגט אין די הייכן,
איך טייל פון דער ערד זיך אָפּ
און פאַל אויף אַ... קישן אַ וווייכן,
און פאַל צו מייַן ווייַבל אַראָפּ.

אָנגעהויבענע רעיונות

אָנגעהויבענע רעיונות ניט־דערטראַכטע ביזן סוף —
ניט־דערחלומטע חלומות נייגן מיך צוריק צום שלאָף,
שלאָף איך אײַן און זע ווי שיפלעך, ניט־דערשווימענע צום ברעג,
ראַנגלען מיט די ווינטן זיך, וועלכע טרײַבן זיי אַוועק.

נעבן מיר מײַן פרוי אין אומרו, עפּעס שרײַט זי פונעם שלאָף,
כאַפּ איך אויף זיך און דערטראַכט שוין די רעיונות ביזן סוף.
כ׳טראַכט, זי זעט די זעלבע שיפלעך, ניט־דערשווימענע צום ברעג,
און זי שרײַט אויף יענע ווינטן, וועלכע טרײַבן זיי אַוועק.

וואָג איך ניט מײַן פרוי צו וועקן, וועק איך ניט מײַן פרוי פון שלאָף —
זאָל זי חלומען דעם חלום און דערחלומען דעם סוף,
עפּעס שמייכלט זי שוין איצטער, איז אַ סימן, אַז צום ברעג
זענען צוגעשווומען שיפלעך. קיינער טרײַבט זיי ניט אַוועק.

אויס

שפּעט בײַ נאַכט, איך שלאָף און הער,
אין חלום רעדט אַ בער,
סע ברענט דער ים,
און פלאַקערט מיט אַ קנאַקנדיקן פלאַם ;
סע רוישט דער רוים,
אַז איך הער דעם בער שוין קוים —
און דאָך איך הער,
סע רעדט דער בער
און קלאָר אַזוי —
און מוסר זאָגט דעם וואָלף אַ שאָף ;
ביז וואַנען ס׳וועקט מיך אויף מײַן פרוי —
„דו רעדסט פון שלאָף !"

און אויס :
און ניט קיין בער און ניט קיין ים ;
און ניט קיין רייד און ניט קיין פלאַם ;
און ניט קיין וואָלף און ניט קיין שאָף —
און ניט קיין שלאָף !

גלעטסט מײַן ווונד

גלעטסט מײַן ווונד, נאָר וועק ניט מײַן געוויין,
בלייב מיט מיר, איך וויל ניט זײַן אַליין.

כ׳האָב גענוג געווייטיקט און געקלאָגט
און אַנטלאָפן און ניט אויסגעזאָגט.

און פאַרגעסן און זיך אײַנגעשטילט —
און אין פרעמדע פריידן זיך געהילט.

און מיט פרעמדע גליקן זיך געפרייט,
האָבן פרעמדע זיך פון מיר פאַרדרייט.

אויב דוווילסט, סע זאָל מיר ווערן גוט,
ריר ניט אָן די ווונד בײַם סאַמע בלוט.

און איצט בין איך אַליין

און איצט בין איך אַליין, מײַן װײַבל איז אין מאַרק,
די קינדער אין דער שול, איז קוק איך אויפֿן באַרג,
װאָס שטײט אַקעגן פֿענצטער — ער הערט ניט אויף צו שטײן,
אַפֿילו װען איך בין אויך ניט װי איצט אַליין.

ער הערט ניט אויף צו שטײן, װאָס הײסט עס, זאָגט מיר, שטײן?
פֿאַר װעמען שטײט דער באַרג, צי דען פֿאַר זיך אַליין?
ניט שטענדיק גײט מײַן װײַב אַװעק דאָך אויפֿן מאַרק,
ניט שטענדיק לאָזט מײַן װײַב מיך קוקן אויפֿן באַרג.

פֿאַר װעמען שטײט דער באַרג, װען איך בין אויף מײַן אַמט,
װען איך בין אויפֿן מאַרק, װאָס װערט מיט באַרג געגראַמט,
װען איך אין קעלער גײ נאָך אַ שיסל קרויט,
װען איך אין קלײטל גײ נאָך אַ לאַבן ברויט?

פֿאַר װעמען שטײט דער באַרג, װען איך שלאָף בײַ נאַכט?
דאָס פֿענצטער איז פֿאַרהאָנגען און מײַן אויג פֿאַרמאַכט,
אין פֿינצטערניש באַהאַלטן, אין חושך שטײט ער שטאַרק,
דאָס װײס איך, אַז ער שטײט — פֿאַר װעמען שטײט דער באַרג?

בײַ די ברעגעס

בײַ די ברעגעס פֿונעם טיש זיצן מיר פֿאַרטראַכטע,
זיצן בײַ געקאָכטע פֿיש, הײַנט פֿון טײַך געבראַכטע.
זיצן און דערמאָנען זיך גאָר אין אַנדערע צײַטן,
ווען געזעסן בײַ דעם ברעג פֿון אַ טײַך אַ ווײַטן.

בײַ די ברעגעס פֿונעם טײַך זענען מיר געזעסן,
ניט קיין קאַרפּן, ניט קיין העכט האָבן מיר געגעסן,
ניט געקוויקט זיך מיטן טעם פֿון אַ ווײַסן קוילעטש,
ניט קיין טישטעך, ניט קיין ליכט, ניט געקוויקט דאָס אויג אונדז.

מיט די טאָרבעס אויפֿן זאַמד האָבן מיר געהוויערט,
אויף די יונגע הונגער־טויטן האָבן מיר געטרויערט.
וויפֿל קבֿרים האָבן מיר אין די זאַמדן דאָרטן?
בײַ די ברעגעס פֿונעם טיש קוקן מיר אויף טאָרטן.

בײַ די ברעגעס פֿונעם טיש זיצן מיר פֿאַרקלערטע,
אַלע לידער אויסגעזונגען, אַלע אויסגעהערטע,
אויפֿגעגעסן אַלע עסנס, אויסגעטרונקען אַלע ווײַנען,
בלויז געבליבן אין זכּרון יענע אַלטע שווערע פּײַנען.

האָניק־חודש

איך וועל דעם האָניק־חודש ניט פאַרגעסן
כאָטש ניט קיין האָניק האָבן מיר געגעסן
און בײַ קיין זאַטע טישן ניט געזעסן.

וואָס טויגן אונדז די פעטע פולע טישן,
אַז אונדז איז זיס געווען פון הוילן האַרטן קישן,
דער גרויסער גאָט זאָל ניט געווען זיך מישן.

אונדז זענען זיס געווען די שטאַרקע ליבע־פריידן
און זיסער די אומזיסטע ליבע־ליידן
און ביטער גאָר דאָס דרײַ מאָל זיך צעשיידן.

דאָס ערשטע מאָל אין די מלחמה־יאָרן,
דאָס צווייטע מאָל אין תּפיסה — ווידער יאָרן,
דאָס דריטע מאָל אויף אייביק — ווײ צו מײַנע יאָרן!

טרויער

א

די שטאַל איז פּוסט,
פאַרמאַך דעם טויער
דער רעגן גיסט
מיט טרויער, טרויער.

די גאַנצע וועלט
איז הוילע ווונדן,
דאָס וויסטע פעלד
איז אָפּגעשוונדן.

און ס'הענגט דער רוים
אַ דורכגעווייקטער
און ס'רוישט אַ בוים
אַ הויל־באַצווייַגטער.

ב

אַ גראָע שייַן,
דער רעגן גייט —
און דאָס זאָל זייַן
די אייביקייט?

דער זייגער שלאָגט,
דער זייגער וואַכט,
ס'איז ניט קיין טאָג
און ניט קיין נאַכט.

דער רעגן גייט,
דער רעגן גיסט,
די אייביקייט
איז אייביק וויסט.

די אויגן זענען מיר טרוקן

די אויגן זענען מיר טרוקן,
דאָס פּנים באַהאַלט די פּײַן,
די אויגן מײַנע קוקן
אין זיך, אין זיך אַרײַן.

און פינצטער איז מיר און ביטער,
און ביטער איז מיר און ווײ,
מײַן פּנים טוט אַ ציטער,
די ליפּן זיך טוען אַ דרײ.

אַ שנײ איז מײַן נשמה,
אַן אמתער שנײ אין אַ וואַלד
און איבערן שנײ די לבנה —
אַזוי ווי דער שנײ איז קאַלט.

אין שנײ פאַרקריצט, פאַרפרוירן
די שפּורן פון אַ בער,
וואָס האָט זײַן פּאָר פאַרלוירן —
און וויל ניט לעבן מער.

דער האָניק איז אים ביטער
און פינצטער דער פרילינג וואָס קומט.
עס בילן הינט און ער ציטערט
ניט מער פאַר אַ יעגערס אַ הונט.

איך הער זיך צו צו זײַן אָטעם,
איך אָטעם מיט מיטן בער,
איךווינק אַהין פון דער שטאָט אים,
ער ווינקט פונעם וואַלד מיר אַהער.

און קיינער זעט ניט דעם פּאָדעם,
וואָס ציט זיך אַהין און אַהער
און קיינער הערט ניט דעם אָטעם
פון מיר און פונעם בער.

איך לאָז ניט קיין טרער, חלילה,
כ'שפּאַציר אַ ראַזירטער אין גאַס.
איך טו אַ שמייכל אַפילו
און מאַך מיט אַ קינד אַ שפּאַס.

די טויטע ווייסן ניט

די טויטע ווייסן ניט אַז זיי זענען געשטאָרבן,
די טויטע ווייסן ניט אַז זיי זענען ניטאָ;
בערגלעך ערד לייגן זיך ווי האָרבן —
און האַלטן אויס די משׂא פונעם הימל־בלאָ.

און קינדער — זין און טעכטער — קומען צו די קברים
און רעדן צו די טויטע, וואָס הערן ניט די רייד;
אַ וואָלקן שפּרייט זיך אויס און שטרעקט זיי אויס אַן אָרעם
און נעמט בײַ זיי די ווערטער ניט־געהערטערהייט.

און דאָרטן אין די הימלען גייען זיי פאַרלוירן
אָפּט פאַלן זיי ווי שטערן אין דער נאַכט אַראָפּ.
זיי פאַלן צו דער ערד, וואָס האָט אַלע זיי געבוירן,
דעם הימל אָפּגעגעבן און נעמט צוריק זיי אָפּ.

און קינדער — זין און טעכטער — קומען פון די קברים
און רעדן אַלץ און רעדן אַלץ די זעלבע רייד;
אַ וואָלקן שפּרייט זיך אויס און שטרעקט זיי אויס זײַן אָרעם
און האַלט אים אויסגעצויגן — זינט די וועלט באַשטייט.

און אַלע ווערטער זענען אָפּגעטראָטן

און אַלע ווערטער זענען אָפּגעטראָטן
פאַר יענעם וואָרט, וואָס איך געפין עס ניט —
און אויפגעשטאַנען איז דײַן שמאָלער שאָטן
פון דײַנע קורצע און געציילטע טריט.

אָט קוק איך אויף דער שוואַרצפאַרדעקטער מיטה
איך קוק און קוק און זע דיך דאָרטן ניט,
איך זע אין דער היים דיך, דערוואַרטסט מיך מיטן מיטאָג,
איך הער דיך אויסנווייניק, לייענענדיק אַ ליד.

איך קוק דעם טויט אין די אויגן גאָר אָן בושה
און ס'בײַט זיך אין מײַן קוק ניט אויף קיין האָר,
ווי כ'וואָלט געווען פון דער חברה קדישא
און ניט דײַן מאַן באַלד צוויי און דרײַסיק יאָר.

ס'האָט גאָט בײַ אָדמען אַ ריפּ גענומען
באַשאַפן חוהן, אָדמען צוליב,
אַז אָדם זאָל דאָס לעבן ליב באַקומען
און מער פון אַלץ זײַן אָפּגעטיילטע ריפּ.

און איצט, ווען מ'לייגט מײַן ריפּ אַרײַן אין קבר,
און איך, בן־אָדם, זע, זי ווערט פאַרשיט,
ווערט אָפּגענומען מיר אַיעדער אבר
און כ'ווייס ניט וואָס איך זע דאָ און וואָס ניט.

און אַלע ווערטער זענען אָפּגעטראָטן
פאַר יענעם וואָרט, וואָס איך געפין עס ניט —
און אויפגעשטאַנען איז דײַן שמאָלער שאָטן
פון דײַנע קורצע און געציילטע טריט.

צו קינדער און אייניקלעך

צוויי וויגלידער

א

שלאָף, מײַן קינד, מײַן ערשט געבוירנס
אויף די קישעלעך פון וואַטע ;
ס'האָט אַ שעפּעלע אַ פּאַרלוירנס
אָנגעטראָפן אויף דײַן טאַטן —
האָט עס זיך, אַן אָפּגעשוירנס,
צוגעלייגט אויף גראָז אויף גלאַטן.

ס'איז דײַן טאַטע אין זײַן וויגל
קליינערהייט ווי דו געשלאָפן ;
מיט צונויפגעלייגטע פליגל
איז אַ מלאך אומגעלאָפן
צווישן בעט און טיש און שפּיגל
און דײַן טאַטן אָנגעטראָפן.

ווײַסע ציכן אויסגעשטריקטע
אויף די קישנס אָנגעצויגן ;
פול מיט פעדערן געפּליקטע
אין די ווינטערנעכט בײַם אויוון
פון די באָבעס די געשיקטע
און פון שכנים און פון קרובים.

שלאָף, מײַן קינד, שוין אײַן אַ ביסל,
ס'איז אַ מעשׂה ניט־געשטויגן.
וואָס זשע ווילסטו אַלצדינג וויסן,
וואָס זשע גלאָצסטו מיט די אויגן ?
ווײַסע קישעלעך צעריסן,
ווײַסע פעדערן צעפלויגן.

שלאָף, מײַן קינד, מײַן ערשט־געבוירנס
אויף די קישעלעך פון וואַטע;
ביטער איז געווען דער גורל
פון די קישעלעך דײַן טאַטנס —
זאָל עס גיין אין וואַלד פאַרלוירן
און מײַן קינד זאָל עס ניט שאַטן.

ב

וואָלקנס אויפן הימל
זאַמלען זיך צונויף,
כאַפּ, מײַן קינד, אַ דרימל,
ביז דו כאַפּסט זיך אויף.

פונעם סאַמע מיטן
רעגנט איצט אַראָפּ
אויפן קאָפּ אין היטל,
אויפן הוילן קאָפּ.

אויף די הויכע דעכער,
אויפן האַרטן וועג,
אויף די נאַסע טעכער,
אויפן זאַמד בײַם ברעג.

אויף די ווײַטע פעלדער,
אויפן נאָענטן סאָד,
אויף די טונקלע וועלדער,
אויף דער העלער שטאָט.

וואָלקנס אויפן הימל
רעגענען זיך אויס,
כאַפּ זיך אויף פון דרימל,
גיי, מײַן קינד, אַרויס.

שניי

סימעלען

ערשטער שניי פון ערשטןווינטער
פון מײַן ערשט־געבוירן קינד,
אונדזער שטאָט איז פול מיט קינדער
האָט זי זיך דעם שניי פאַרדינט.

פאַלט דער שניי אויף גאַסן, וועגן,
פאַלט דער שניי אויף פלויט און דאַך —
פאַר די קליינע קינדערס וועגן
ניט קיין ביסל נאָר אַ סך.

שטיי איך בײַ די שויבן קילע
אין דער וואַרעמקייט פון שטוב,
כ׳זע ווי קינדערלעך, ווי שטילע,
האָבן זיך צונויפגעשטופט.

גליטשערס, שליטלען, ווינטערהיטלען
און אַ שניימענטש אין דער מיט,
קליינע קינדער — שוואַרצע פינטלען
האָבן זיך אין שניי צעשיט.

שוואַרצע פינטלען אויף די שנייען
און דער שניי ער הערט ניט אויף —
און ער נעמט נאָך שטאַרקער גיין,
לייגט זיך ווײַס אויף אַלץ אַרויף.

ליגן גאַסן אויסגעצויגן
און דער ווײַסער שניי אויף זיי,
שאַרפן זיך די בלויע אויגן
פון מיין קינד אין ווײַסן שניי.

ס׳ליגט מײַן קינד אין וויגל

ברײַנעלען

ס׳ליגט מײַן קינד אין וויגל,
דאָס וויגל מיטן קינד אין שפּיגל;
דאָס קינד אין וויגל וויינט און לאָזט זיך הערן —
דאָס קינד אין שפּיגל שפּיגלט אָפּ די טרערן.
איך וויג דאָס וויגל פון מײַן קינד און וויל
מײַן קינד זאָל ווערן שטיל.
דער שפּיגל וויגט דאָס וויגל אָן אַ ציל.
ער טוט עס אָן אין פליגל —
פליט דאָס וויגל פונעם שפּיגל
און פון צימערל אַרויס;
פליט דאָס צימערל אַרויס פון הויז;
פליט דאָס הויז אין גאַנצער גרייס
פון דער גאַס און דרייט זיך אין אַ ראָד;
פליט די גאַס אַרויס דער שטאָט;
פליט די שטאָט אַרויס פון לאַנד;
פליט די ערד מיט ליים און זאַמד
און מע דרייט זיך רונד אַרום
דער לבנה און דער זון,
ביז מע קומט צום זעלבן אָרט.
קומט דאָס לאַנד און קומט די שטאָט;
קומט די גאַס און קומט דאָס הויז
מיט די צימערן אין שויס
און אין צימער קומט דער שפּיגל
מיטן קינד און מיטן וויגל.

פֿאַר די גליטשן

פֿאַר די גליטשן וואָס זיי מאַכן,
פֿאַרן לאַכן וואָס זיי לאַכן,
און פֿאַר נאָך אַזעלכע זאַכן —
אינעם שנייִיקן האַרמידער —
וואָלט איך אויסגעקושט די גלידער
פֿונעם גאַנצן קידער־ווידער
און באַזונגען זיי אין לידער
און דערנאָך — געקושט זיי ווידער.

מײַן הויז איז פול

מײַן הויז איז פול מיט קולות פון די קינדער,
וואָס קענען זיך אין זײער שפּיל ניט שטילן,
מײַן הויז איז לײדיק און איז אויסגעפּלינדערט
פון אַלע מײַנע נעכטיקע געפילן.

איך טראַכט צום רויש מיט צאָרן און מיט װײטיק,
די שטילקײט קומט ערשט װען די קינדער שלאָפן,
די שטילקײט קומט, איך פיל װי זי איז לײדיק
און בילדעט בלויז אַ װאַקוום אין די סטראָפן.

אומזיסט זיך װי מיט שטערונגען געשלאָגן
מיט יעדן זונג און שפּרונג פון קידער־װידער,
די שטילקײט האָט ניט גאָרניט װאָס צו זאָגן —
פון קידער־װידער בױען זיך די לידער.

דער טאָג

דער טאָג גייט אויף אין קינדערשע געשרייען,
איך שפּרינג אַרײַן אין רויש ווי אין אַ טײַך,
דער טאָג פֿאַרגייט און אַלע טעג פֿאַרגייען —
ניט אַלע טעג פֿאַרגייען אָבער גלײַך.

פֿאַראַן אַ טאָג וואָס ווייסט נאָך ניט זײַן גורל,
אַז ער וועט דויערן ניטמע ערער ווי אַ טאָג,
ער שײַנט פֿונעם מאָמענט פֿון זײַן געבוירן,
ווי גלײַך די אייביקייט מע האָט אים צוגעזאָגט.

פֿאַראַן אַ טאָג וואָס גיט זיך תּיכף אונטער,
נאָך איידער צום פֿאַרגיין די זון איז גרייט ;
פֿאַראַן אַ טאָג — זײַן זונפֿאַרגאַנג איז צונטער —
אַ זונפֿאַרגאַנג וואָס רירט זיך ניט און שטייט.

פֿאַראַן אַ טאָג — די זון איז שוין פֿאַרגאַנגען
און ס'קלינגט נאָך לאַנג דער עכאָ פֿון זײַן רויש,
אים ציט צוריק צו קינדערשע געזאַנגען,
אים טראָגט אַהיים אַ מוטער אין איר קויש.

פֿאַראַן אַ טאָג — קיין זון איז ניט געוועזן,
אַ טונקעלע כמאַרע האָט זיך אָנגערוקט —
אַ מיידל האָט אַ גאַנצן טאָג געלעזן
און האָט דעם טאָג דעם טונקעלן פֿאַרקוקט.

פֿאַראַן אַ טאָג מיט צוויי און צוואַנציק שנייען
און אַלע שנייען גייען מיט אַ מאָל.
דער טאָג פֿאַרגייט און אַלע שנייען גייען
אויף דאַך און גאַס און וועג, אויף באַרג און טאָל.

פּאַראַן אַ טאָג וואָס איז נאָך ניט געקומען
און ווען ער וועט שוין קומען, וועט ער גיין,
איך שפּרינג אַרײַן אין קינדערישן זשומען
ווי אין אַ טײַך וואָס קען ניט בלײַבן שטיין.

דער חלום

די שטוב איז פול מיט טיק־טאַקס פונעם זייגער,
סע שיטן זיך די ברעקלעך פון דער צײַט,
זיי לייגן זיך ווי שטויב אָפּ אויף די קליידער,
וואָס ליגן אויף אַ בענקל אין אַ זײַט.

און אין דער זײַט דער צווייטער ליגן קינדער,
די מידע פונעם טאָג און פון דער שפּיל,
זיי חלומען אַ גרויסן שניי אין ווינטער,
וואָס שיט זיך פון דער סטעליע אויפן דיל.

אַ שטורעם הייבט זיך אויף און טראָגט די שנייען
און עפנט אויף צו ווײַטקייטן די טיר.
סע הייבט זיך אָן דאָס גאַנצע הויז צו דרייען
אין שפּעטער נאַכט. סע שלאָגט דער זייגער פיר.

און קלינגט אַרײַן אין חלום פון די קינדער,
ווי גלעקלעך פון אַ שליטן אויפן פעלד.
דער חלום איז דער סאַמע גרעסטער שווינדלער,
וואָס שווינדלט מיט די פאַרבן פון דער וועלט.

דרײַ לידער וועגן משל

ברײַנעלען

א

אַלע ווייסן אַז אין משל
רעדן אויף אַ מענטשלעך לשון
הינט און קעץ און קי און פערד,
ווער עפּעס דערציילט און ווער סע שילט, צי לויבט —
און דאָס מלאכל, מײַן קינד, שטייט און הערט
און גלייבט.

ב

ניט נאָר קעץ און הינט —
אויך דער ווינט
אין משל רעדט.
און דאָס טייכל, וואָס דער ווינט עס גלעט,
און דער וואַלד דער אַלטער, וואָס דער ווינט אים קעמט,
און אין אים דער טיגער, וואָס שטאָלצירט מיט זײַן מאַטראָסן־העמד
און דער פוקס, וואָס טראָגט אַ פוקסן־מאַנטל קימאָנאָ,
און דער וואָלף, וואָס קליידעט זיך אין גראָ,
און דאָס גראָז אויף וועלכן זיי טרעטן
און די קליינע דעכער פונעם קליינעם שטעטל —
כ׳לערן זיך בײַ זיי זייער לשון, כ׳לערן זיך בײַ יעדן,
נאָך דעם לערן איך די קינדער רעדן.

ג

ניט נאָר חיות, זאַכן, ערטער —
ס׳רעדן אויך אין משל ווערטער.
לאַכט ניט. אַז די ווערטער זאָלן רעדן
ניט נאָר צום מחבר, נאָר צו יעדן,

דאַרף מען זײַ, די װערטער, געבן
פאַרב און שטח, בלוט און לעבן,
װײַל פאַראַן אויך װערטער שטומע,
װעלכע גלאָצן מיט די אויגן פרומע
און מע שטײט באַעװלט און באַלײדיקט,
כאָטש בײַ זיך דאָרט, אינעװײניק
איז מען פוסט און אױסגעלײדיקט
אָן אַ זין און אָן געפיל.
— — — — — — — —
רױשן רױשט מען װי אַ מיל,
נאָר מע װײסט ניט װאָס מע װיל.

װעלכע בײמער

װעלכע בײמער װאַקסן
אין אַן עפּל־סאָד ?
עפּלבײמער װאַקסן
אין אַן עפּל־סאָד.

װעלכע בײמער װאַקסן
אין אַ קאַרשן־סאָד ?
קאַרשנבײמער װאַקסן
אין אַ קאַרשן־סאָד.

װעלכע בײמער דאָרטן,
זאָג מיר אױס דעם סוד,
װאַקסט אין קינדער־גאָרטן
אין דער מיט פֿון שטאָט ?

אױב אַ קינדער־גאָרטן,
איז עס ניט קײן סוד —
קינדער װאַקסן דאָרטן
אין דער מיט פֿון שטאָט.

אונדזער גרױסע טאָכטער
פֿירט די קלײנע אָפּ,
כאַפּט בגנבה אַ טאַנץ דאָרט,
לױפֿט די טרעפּ אַראָפּ.

פֿונעם קינדער־גאָרטן
גלײַך אין שול זי לױפֿט,
װעלכע בײמער דאָרטן
װאַקסן אױפֿן הױף ?

טינט־פלעקן

בערג ביַי נאַכט, ווי וואָלקנטרעפּ,
אונטער זיי — אַ שוואַרצער סטעפּ,
קומען רײַטער אין גאַלאָפּ,
שטעלן זיך ביַי חורבות אָפּ.

לאָזן אָפּ אין גראָז די פערד,
לייגן זיך אַוועק צו דר'ערד
אין דער פינצטערניש צעשטרעקט
און מיט פינצטערניש פאַרדעקט.

שפּעט. שוין האַלבע נאַכט פאַרביַי,
שטייען חורבות אָפן, פריַי —
פריַי אַרויס און פריַי אַריַין,
וואָלקנס מיט לבנה־שיַין.

וואָלקנס, רײַטער אין דער נאַכט,
און די נאַכט איז אויסגעטראַכט,
בלויז אַ זעונג פון אַ קינד —
אויף אַ העפט מיט פלעקן טינט.

וויגווערטער

אַ ווייכער, אַ ווײַסער, אַ וואַרעמער ווינטער,
ס'איז שוואַרץ נאָר אין קוימען, ס'איז שוואַרץ נאָר אין טינטער,
אין קוימען פון רויך און אין טינטער פון טינט,
איז טונק איך די פען און דערצייל דיר, מײַן קינד.

אַמאָל איז געווען אַ מענטש,
מיט אים איז אַ מעשׂה געשען,
די מעשׂה וואָלט ניט געשען,
ווען קיין מענטש וואָלט ניט געווען.
דער מענטש האָט מיט מענטשן געלעבט,
ער האָט ניט געלעבט אַליין
אַזוי ווי, למשל, אַ שטיין,
וואָס לעבט אין פעלד אַליין.
דער מענטש האָט מיט מענטשן געלעבט,
דער מענטש האָט די מענטשן געלויבט,
נאָר מענטשן אַלערליי
פאַראַנען צווישן זיי.

אַ ווייכער, אַ ווײַסער, אַ וואַרעמער ווינטער,
ס'איז שוואַרץ נאָר אין קוימען, ס'איז שוואַרץ נאָר אין טינטער —
און שוואַרץ איז דאָס האַרץ פונעם רשע,
נאָר זאָרג זיך מײַן קינד ניט, נישקשה.
דער מענטש האָט געלעבט מיט מענטשן,
מיט זיי וועט ער לעבן ווידער,
און דיך, מײַן קינד, וועט ער בענטשן
מיט גאָלדענע ברכות ווי לידער.

אַ ווייכער, אַ ווײַסער, אַ וואַרעמער ווינטער —
דעקט אײַך אײַן, מײַנע עלנטע קינדער.

דאָ ווערט מען

דאָ ווערט מען גיכער עלטער און געבויגן
ווי דאָרט אויף יענער זײַט פון אָט דער טיר;
אַיעדע שעה בײַסט אָפּ אַ שטיק פון דיר
און שלינגט עס אײַן אָט דאָ פאַר דײַנע אויגן.

ווער בין איך עס געוועזן נעכטן, ווער?
אַ יונגער פאָטער פון צוויי קליינע קינדער,
די קליינע קינדער זענען קליינע קינדער
אַצינדער נאָך, נאָר איך בין שוין ניט ד ע ר.

אַ פרעמדער זיידע בין איך דאָ געוואָרן
און פאַר דער צײַט באַלאָדן זיך מיט יאָרן,
וואָס עמעצער האָט לאַנג שוין אָפּגעלעבט.

אַ פרעמדע באָרד האָט עמעץ צוגעקלעפּט
צו מײַן געזיכט, אַ פרעמדע באָרד אַ ווײַסע —
געמאַכט פון מיר אַ טרויעריקע מעשׂה.

ווינט און שניי

א

אַ שרעקלעכער ווינט אויף די שנייִקע פעלדער, מײַן קינד,
עס שמײַסט אין די אויגן דער שניי, עס וואַרפט פון די כוחות דער ווינט —
ס'איז שרעקלעך צו גיין אויף די שנייִקע פעלדער אַצינד.

און שווער איז צו טראָגן די וואַלענע שטיוול, דעם פעלץ
און שווער איז צו שטיין דאָ אַקעגן די ווינטן דער וועלטס —
ניט יעדער שטיין און ניט יעדער מענטש איז אַ פעלדז.

און ווײ איז צו דעם, וואָס פאַלט אינעם שניי, און אפשר איז ניט אַזוי ווײ
זיך אָפּגעבן בלינד דער מאַכט פונעם ווינט, פונעם שניי,
נאָר בעסער איז פאָרט צו פילן — ביסט שטאַרקער פון זײ!

סוכאָבעזוואָדנאָיע 1950

ב

דער ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט,
דער שניי איז געבליבן ליגן
און אַלץ, וואָס געררויִשט אַזוי ווילד,
האָט איצט אַזוי מילד געשוויגן.

אין ווײכן שניי האָט דער ווינט
אַראָפּגעלאָזט זײַנע פליגל
און שטיל זיך צעלאַכט ווי אַ קינד,
וואָס ליגט אין אַ וואַרעם וויגל.

דער ווינט אין געשטאַלט פונעם קינד —
פאַרוועבט זיך מילד אין אַ דרימל.
נאָר וואָס איז די שטילקייט אַצינד?
אַ שפּיצל פונעם הימל.

זײַ וואַך און קוק זיך אַרום —
אַרום און אַרום מיט אויגן,
פֿאַרגאַרטל זיך פֿעסטער און קום,
די שטילקייט זאָל דיך ניט בייגן.

טשערנאָוויץ 1956

הונגעריקע קינדער

הונגעריקע קינדער אין דער פינצטער,
אין די אייגלעך צינדט זיך אָן אַ שײַן,
ווען דער טאַטע קומט און קלאַפּט אין פענצטער
און ער ברענגט אַ ברויט אין שטוב אַרײַן.

בײַט זיך אויך די לופט אין שטיבל איבער,
אַנדערש שמעקט די סטעליע מיט די ווענט,
ווען דער טאַטע טרעט די שוועל אַריבער,
האַלטנדיק אַ ברייטל אין די הענט.

בינדט די מאַמע אָפּ פון קאָפּ דאָס טיכל,
הערט איר אויך ווי צו טאָן דאָס האַרץ,
שמעקט דאָס ברייטל ווי אַן אייער־קיכל,
כאָטש דאָס ברויט איז טרוקן און איז שוואַרץ.

צינדט די מאַמע אָן אויף גיך אַ ליכטל,
העלער ווערט דאָס ברייטל אין די הענט
פון די קינדער. יעדער האַלט אַ שטיקל —
און די שטיקלעך ווערן באַלד פאַרברענט.

הינטער זיי, ווי שאָטנס, טאַטע־מאַמע,
פאָלגן נאָך די קינדערס יעדער דריי,
נאָר די קינדער ווייסן ניט, מסתּמא,
אַז דאָס ברויט פון זייערע טאַטע־מאַמע
און די פרייד פון הויז, דאָס זענען זיי.

מיר ווילט זיך ניט שלאָפֿן

מיר ווילט זיך ניט שלאָפֿן, מיר ווילט זיך נאָך לייענען,
נאָר שפּאָרן מען דאַרף דאָס ביסעלע נאַפֿט.
דאָס קינד וועט זיך אויפֿכאַפּן שפּעטער און וויינען,
איז וואָס וועל איך טאָן אָן אַ שײַן אין דער נאַכט?

עס ווילט זיך נאָך זיצן, מיר ווילט זיך ניט שלאָפֿן,
און איבערטראַכטן דעם טאָג אין געדאַנק,
נאָר מאָרגן איז אויך אַ טאָג אין דער וואָכן,
אַ טאָג פֿון מי און פֿון זאָרגן־געזאַנג.

מיר ווילט זיך נאָך זיצן, נאָך אומגיין, ניט ליגן
אין בעט, אַז איך פֿיל זיך נאָך וואַך און פֿריש,
נאָר ס'וויל זיך ניט מיטן געוויסן זיך קריגן
פֿאַר נאַפֿט אינעם לעמפּל וואָס ברענט אויפֿן טיש.

אויפבוי

סימעלען

אויסגעבויגן שוין דער דאַך,
אויסגעגלײַכט די ווענט,
אויסגעקרומט די פענצטערלעך —
רוען אָפּ די הענט.

מאָרגן עפן איך אַ טיר,
שטעל אַ בעט אַרײַן,
און אַ טיש אויף אַלע פיר
און אַ לאָמפּ מיט שײַן.

אויפן טיש אַ טינטער טינט,
נעבן טיש אַ שטול,
און איך זעץ אַוועק מײַן קינד,
ווי אין קלאַס, אין שול.

אויף אַ בויגן ווײַס פּאַפּיר
מאָלט דאָס קינד אַ הויז,
גרויסע פענצטער און אַ טיר
וואָס איז אויכעט גרויס.

אויף דער טיר — אַ צווייטע טיר,
פונעם צווייטן שטאָק,
קלעקט איר מער ניט דאָס פּאַפּיר
פאַרן גאַנצן בלאָק.

עפנט זי די טיר אַרויס
אויף דער שמאָלער גאַס,
נאָר די גאַס איז אויך ניט גרויס —
ווי פּאַר בלאָקן פּאַסט.

עפן איך אַ ברייטן וועג
פאַר מײַן קינדס פאַרמעסט:
„פלי דיר, קינד מײַנס, ווײַט אַוועק,
נאָר געדענק די נעסט!"

„פלי דיר דײַנע פליגל אויס,
נאָך דעם פלי אַהיים,
איבערטראָגן אונדזער הויז
אויף אַן אייגענעם בוים!"

מיינט מײַן קינד

מיינט מײַן קינד, וואָס זעט מיך צאַפּן וואַסער פון דער וואַנט,
אַז די וואַנט איז פול מיט וואַסער אינעווייניק,
וואַקסט מײַן קינד און שטרעקט אַליין שוין צו דער וואַנט איר האַנט,
מיינט דאָס זעלבע שוין איר קינד, מײַן אייניק;
וואַקסט דער אייניק, קיין עין הרע, און איך זעץ מיך וויינען —
ווער וועט מאָרגן מ י י נ ע ן?
זאָגט מײַן טאָכטער: „ס'האָט דײַן וויינען,
טאַטע, טויזנט חנען,
נאָר דו דאַרפסט ניט וויינען.
דו אַליין וועסט מאָרגן מיינען,
אַז די וואַנט איז פול מיט וואַסער אינעווייניק,
נאָר פון דיר וועט לאַכן שוין דײַן טאָכטערס אייניק...

ביסטו מיט מיר מסכּים, מיט מיר אייניק?"

און דו מײַן גאָלד, מײַן לעמעלע

און דו מײַן גאָלד, מײַן לעמעלע,
מײַן גאָלדן לעמעלע, מײַן קינד,
דו קעמסט זיך מיט אַ גאָלדן קעמעלע
און לאָזסט די האָר ניט פֿליִען אויפֿן ווינט.

און דו מײַן גאָלד, מײַן ברעקעלע,
מײַן טײַער אוצרל, מײַן זיס,
דו שלעפּסט אַרויף די דינע זעקעלעך
אויף דײַנע קליינע זיסע פֿיס.

דו שנורעוועסט די שיכעלעך
די אָפּגעפּוצטע שוואַרץ
און לייגסט אַרײַן אַ טיכעלע
אין קעשענע בײַם האַרץ.

דו נעמסט אַראָפּ אַ פֿעדערל
פֿון קליידעלע בײַם זוים
און שמייכלסט צו אַיעדערן
און שווימסט אַוועק אין רוים.

עס קוקן אין גאַס

גרישען

עס קוקן אין גאַס די הײַזער זיך איבער
איין פענצטער שיקט ליכט צו אַ צווייטן אַריבער,
אַ בחור שיקט גרוסן פאַר טאָג צו זײַן מיידל,
וואָס אײַלט זיך שוין אָנטאָן די שיך און דאָס קליידל.

אָט גייט ער דער בחור, אַ צווייטער, אַ דריטער
און מיידלעך מיט היטעלעך, גרינגע געמיטער,
איז גייט מען צוזאַמען, ביז מע צעטיילט זיך,
פאַר נאַכט טרעפט מען ווידער זיך און מע דערציילט זיך.

עס קוקן די מאַמעס פון ווײַטן און קוועלן,
עס איז זיי דאָס גיין פון די קינדער געפעלן,
בלויז איינס דאָרט געפעלט ניט די מאַמעס פון געסל:
„וואָס האָבן די קינדער קיין צײַט ניט צו עסן?"

און צווישן די מאַמעס — מײַן פרוי בײַ דעם פענצטער,
און צווישן די קינדער — מײַן טאָכטער די עלטסטע,
און צווישן בחורים — איר בחור דער שענסטער —
אַ גאַסט אינעם געסל, אַ בחור, אַ בעלצער.

סך־הכּל

איך מאַך אַ סך־הכּל, די האַנט איז מיר קראַנק,
דאָס אײַזן דער פּענס איז פאַרזשאַװערט ;
און קראַנק און פאַרזשאַװערט איז מײַן געזאַנג,
װאָס האָט מיט פאַרגאַנג זיך פאַרחבֿרט.

איך פּיל װי די כּוחות מיר לאָזן זיך אויס,
נאָר כ׳זע אין מײַן קינד, זיי גייען אויף װידער,
מײַן טאָכטער איז הײַנט אין דער פֿרי אַרויס
מיט זיבן בוקעטן לידער.

עלטערן און קינדער

בײַ מײַן גרויסן טיש אין פֿירן
זיץ איך מיט מײַן פֿרוי און קינדער
און אַ גרויסן שמועס מיר פֿירן
וועגן עלטערן און קינדער.

ווייסט איר ווי מע דאַרף זיך פֿירן,
פֿרעגן מיר בײַ אונדזערע קינדער,
ווען מע זיצט בײַם טיש אין פֿירן —
טאַטע, מאַמע, ביידע קינדער?

ווי אַזוי מע דאַרף זיך פֿירן?
פּונקט ווי איר, אַזוי די קינדער,
ווען מע זיצט בײַם טיש אין פֿירן,
ענטפֿערן אונדז אָפּ די קינדער.

וואָס האָבן צו זאָגן די יונגע אַצינדער

וואָס האָבן צו זאָגן די יונגע אַצינדער ?
די יונגע, דערוואַקסענע, אונדזערע קינדער.
די שטאָט ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער און גרעסער.
מיר זאָגן ס'איז ערגער, זיי זאָגן ס'איז בעסער.
וואָס מערער גאַסן, אַלץ ווייניקער פעלדער.
וואָס מערער מאַרקן, אַלץ ווייניקער וועלדער,
אַלץ ווייניקער גערטנער מיט עפּל און פלוימען,
וואָס מערער מאַשינען, אַלץ ווייניקער טרוימען.
וואָס ווייניקער שאָף און וואָס ווייניקער רינדער —
אַלץ מערער פּרויען מיט איינציקע קינדער.
וואָס מערער לאָמפּן, די שטעט ווערן שענער.
וואָס גרעסער די שטעט, די וועלט ווערט אַלץ קלענער.
וואָס האָבן צו זאָגן די יונגע אַצינדער ?
די יונגע, דערוואַקסענע, אונדזערע קינדער.
די שטאָט ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער און גרעסער —
מיר זאָגן : ס'איז ערגער, זיי זאָגן : ס'איז בעסער.

ווי לאַנג?

ווי לאַנג איז דען, אַז דו האָסט הייס וויכּוחט מיט די זיידעס?
דו שטעלסט אַצינד דעם אַלטן בוים, די פּריזבע פּאַר אַן עדות,
דער אַלטער בוים איז אויסגעהאַקט, פון פּריזבע ניט קיין זכר,
קיין שטיינדל ניט געבליבן דאָרט, אַן אָנדענק כאָטש אַ בלייכער.

ווי לאַנג איז דען, אַז דו האָסט זיך געאַמפּערט מיט די זיידעס?
דו שטעלסט אַצינד דײַן קריג, דײַן זיג, דײַן אמת פּאַר אַן עדות,
דו האָסט געגרייצט די אַלטע לײַט, איצט קומען זיי און דראָען —
און ס'הייבן אָן אויף דײַן געזיכט די בערד זייערע צו גראָען.

ווי לאַנג איז דען, אַז דו האָסט זיך געשלאָגן מיט די זיידעס?
דו שטעלסט אַצינד די נײַע צײַט, דעם יונגן דור פּאַר עדות,
איצט שלאָגן זיי זיך קעגן דיר, די יונגע קינדער דײַנע
און שטעלן קעגן דיר אַרויס די זעלבע אַלטע טענה.

מיר ווילט זיך אַ זינג טאָן

מיר ווילט זיך אַ זינג טאָן און ס'פעלט מיר אַ ניגון,
מיר ווילט זיך דערציילן און ס'פעלט מיר דאָס וואָרט ;
און כ'האָב ניט מיט וואָס מײַן קינד צו פאַרוויגן
און כ'קען מיר אָן דעם ניט געפינען קיין אָרט.

אין וויגל דאָס קינד ליגט מיט אָפענע אויגן
און בעט זיך בײַם טאַטן : דערצייל עפּעס פאָרט ;
דער טאַטע דאָרט שטייט ווי אַ מאַמע געבויגן :
— מײַן קינד, כ'האָב פאַרלוירן דעם ניגון, דאָס וואָרט...

און דאָ האָט דאָס קינד פון זײַן טאַטנס קלאָגן,
פון טאַטנס שווײַגן אַזוינס גאָר דערהערט
און ס'האָט אים זײַן וויג ווי אַ שיפל געטראָגן
און האָט אים געבראַכט צו זײַן זיידנס ערד.

דער זיידע אַרויס איז פון קבר פון אַלטן,
דאָס קינד איז אַרויס פונעם טאַטנס וויג
און ס'האָט פון אַ בליץ זיך דער הימל צעשפּאָלטן,
ווען ס'האָט זיך דאָס וואָרט, וואָס געווען איז באַהאַלטן —
ווען ס'האָט זיך דער ניגון געפונען צוריק.

פּאַרשפּעקטיקטע וויגליד

איך זינג אַ פּאַרשפּעקטיקטע וויגליד,
איך וויג אַ געוועזענע וויג;
מײַן טאָכטער איז אויסגעוואַקסן
און וויל אין דער וויג צוריק.

איך האָב איר קיין ליד ניט געזונגען,
ווען זי איז געווען קליין,
ווען זי האָט פאַרווייַנט מיך גערופֿן,
האָב איך ניט געקענט צו איר גיין.

איך האָב ניט געקענט זי וויגן,
איך האָב געפּאַשעט פערד
אין ווײַטן לאַנד פון פאַרשיקונג
אויף ערגעץ אַ ווײַטער ערד.

מײַן טאָכטער איז אויסגעוואַקסן
און וויל אין דער וויג צוריק,
איך זינג אַ פּאַרשפּעקטיקטע וויגליד,
איך וויג אַ געוועזענע וויג.

טראַכטן

איך זיץ און איך טראַכט אין דער פינצטער בײַ נאַכט
דער טאָג האָט פאַרזאָרגט מיך מיט טראַכטן —
און טראַכטן איך טראַכט וועגן יעטוועדער זאַך,
וואָס טראַכט זיך אין שפּעטע בײַנאַכטן.

דער טאָג האָט פאַרזאָרגט, פאַרזאָרגט האָבן טעג,
נאָר ס'לאָזט זיך קיין צעטל ניט מאַכן,
ווײַל איינס פאַרלויפט דעם אַנדערנס וועג
און כ'ווייס ניט צי וויינען צי לאַכן.

און טראַכט איך, למשל, פון שיכלעך דעם קינד,
שפּרינגט אויף באַלד אַ צווייטער — „נו, עסן ?"
„און טראַכטן פון דעם בלויז אַליין איז אַ זינד —
און נאָך עפּעס האָסטו פאַרגעסן ?"

דער שיינגײַסט ער העלפט מיט ראָט מיר אַרויס,
איך זאָל זיך ניט ווײסנדיק מאַכן —
פון באָרוועסן קינד און פון הונגער אין הויז
און טראַכטן פון העכערע זאַכן.

נאָר דאָ האָט דאָס טראַכטן מײַנס אויפגעהערט,
שוין צו פיל אין טראַכטן פאַרקראָכן,
און כ'האָב פונעם טראַכטן זיך אָפּגעקערט, —
דעם שיינגײַסט די ביינער געבראָכן.

לייענענדיק שלום עליכמען

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון גרויסן שרייבער, אין 1950

דער טאָג איז שוין אַוועק, די טיר איז שוין פאַרמאַכט,
דאָס פענצטער איז פאַרהאָנגען און שטיל איז אונדזער שפּראַך,
וואָס הערט זיך ניט אַרויס. ס'איז דאָך אַ מאָדנע זאַך
צו לייענען שלום עליכמען און ניט צו טאָן קיין לאַך?
איך לייען אים שטיל פאַר זיך בײַם שטילן לאָמפּן־ליכט,
איך לייען אים ווי אַן אַלט און טרויעריק געדיכט
און שטילער, שטילער אַלץ, סע שעפּטשען קוים די ליפּן...
און פּלוצעם, זע, די שטוב ווערט פול, סע רוישן זײַנע טיפּן —
פון טביהס פרישן קעז און פּוטער פראַוועט מען מאכלים
און ס'גייט פון זיי אַ פּאַרע אויף, ס'איז מנחם־מענדלס חלום,
און טביה זיצט פאַרטראַכט, פאַרטיפט און פּלוצעם שרײַט ער: „שאַט!
מײַן חוה קלאַפּט אין טיר, זי קומט צוריק פון שמד,
ס'איז יום־טוב הײַנט בײַ מיר, מײַן חוה קלאַפּט אין טיר,
איז, עפנט איר! וואָס שטייט איר? עפנט איר!"
דער עולם רוקט זיך אָפּ, דער עולם מאַכט איר פּלאַץ,
זי קומט אונטערן אָרעם פון סימעלע חאַראַץ,
מײַן טאָכטער, זי האָט נעכטן ערשט טביהן דורכגעלייענט
און בײַם קאַפּיטל וועגן חוהן זיך שטילערהייט צעוויינט
און הײַנט איז זי אַוועק ערגעץ ווו פאַר נאַכט,
צוריקגעקומען און מיט זיך חוהן אָפּגעבראַכט
און אָפּגעגעבן טביהן. ווי שטאַרק איך בין צופרידן!
איך בין דאָך אויך אַ ייִד פון שלום עליכמס ייִדן,
אַ טיפּ פון יענער טיפּן־גאַלעריי,
איז דריי איך זיך אַרײַן און מיש זיך אויס מיט זיי —
ס'איז מאָטעלע דעם חזנס יתום מיט זײַן ברודער עליע
מיט סטעמפּעניו, דעם קלעזמערוק, שוין הײַנט אין איין קאַפּעליע

און יאָסעלע דער סאָלאָוויי
און טאָפּעלע וואָס טוט אַ קריי :
טוטאַריטו, טו־טו־טו,
און אויך די שטערן וועלכע בלאַנדזשען ערגעץ ווו,
די בלאָנדזשענדיקע שטערן,
זיי שפּילן, שעפּטשענדיק, בײַם טיש, דער דרויסן זאָל ניט הערן.
און שמעון־עליע שמע קולנו
און אַלע שטעטלדיקע אָבות־אבותינו —
מײַן טאַטע זעצט זיי אויס און חוהן אין דער מיט
און לייענט פֿאַר אַלע דאָ איר טאַטנס ליד
צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פֿון פֿאָלקס־שרײַבער פֿון גרויסן,
זי לייענט דאָס ליד, ניט הערן זאָל דער דרויסן.

איך ווייס ניט צי איז עס אַ זכיה

ארקאַדיען

איך ווייס ניט צי איז עס אַ זכיה
דער לעצטער דיכטער צו זײַן,
מײַן מאַמע זאָל זיך מיִען,
מיך רופט אין גן־עדן אַרײַן.
און מײַנע קינדער בליִען
בײַ פרעמדער קאַלטער שײַן.

איך ווייס ניט צי איז עס אַ מזל,
צי איז עס קיין מזל ניט.
איך ווייס, אַז איך וועל ניט באַווײַזן
אַליין צו דערשמידן דאָס ליד,
איז וויל איך דאָס רויטע אײַזן
כאָטש איבערגעבן אַ שמיד.

מײַן פרוי קען אויסנווייניק
און לייענט מײַנע לידער פּאָר.
צי וועלן מײַנע קינדער זיי לייענען —
און מײַנע קינדערס דור?
און אפשר וועט מײַנער אַן איידעם
זיי לייענען איין מאָל אין יאָר.

נאָר ווער וועט ווײַטער שמידן
דאָס שיינע ייִדישע ליד?
איך גלייב ס'איז דאָ נאָך בײַ ייִדן
אַן אמתער לידער־שמיד.
איך גלייב, ס'איז דאָ נאָך בײַ ייִדן
אַן אמתער ייִדישער ייִד.

און אָט אַזוי וועט אָנקומען מײַן סוף

און אָט אַזוי וועט אָנקומען מײַן סוף
און איך וועל אַלץ נאָך האַלטן בײַ דער „אַלף“,
מײַן שכן האָט שוין לאַנג דערגרייכט די „תּו“,
דאָס לעמעלע איז שוין פֿון לאַנג אַ שאָף,
כאָטש ס'האָט פֿון איר אַ תּל געמאַכט דער חלף! —
און איך וועל אַלץ נאָך האַלטן בײַ דער „אַלף“.

און ווען איך וועל שוין ליגן אויף דער ערד
און ס'וועלן מיך די אייניקלעך באַוויינען,
וועל איך דאָך זײַן נאָך אַלץ דאָס זעלבע פֿערד,
וואָס איז, איר מעגט מיר גלייבן, מער ניט ווערט,
אַז אַלע קלוגע זאָלן מיך פֿאַרשטיינען. —
און ס'וועלן מיך די אייניקלעך באַוויינען.

איך האָב אָבער אַ טרייסט, עס וועט מײַן בלוט
אין זיי ניט הערשן איבער אַ נ ד ע ר ע בלוטן.
מײַן בלוט איז שוואַך, יך ווייס עס זייער גוט,
און מוטלאָז איז עס, דאָך האָב איך דעם מוט
צו זאָגן עס און זאָל עס זײַן צו גוטן. —
און זאָלן אין זיי הערשן די מחותּנימס בלוטן.

יִדיש וואָרט מײַנס

אירקעלען

יִדיש וואָרט מײַנס, זינג אַרויס אין דרויסן,
שווײַג ניט אויפן יום־טוב אויפן גרויסן,
שושקע זיך ניט אין אַ ווינקל דאָרטן,
הייב זיך אויף מיט טרילער אינעם גאָרטן.
וואָרט ניט ביז די סאַמע העכסטע קלאַנגען,
וועלן זיך דערוויַיטערן, דערלאַנגען
צו די שפּיצן פון די בערג אין די אַלדי ווײַטן —
קוק זיך ניט אַרום אין אַלע זײַטן.
דרייסטער קלעטער, וואָרט מײַנס, העכער, שמעטער
איבער גאָר דעם גאָרטנרויש פון בלעטער,
זינג אַרײַן אין כאָר פון אַלע זינגער,
ריר די סטרונעס אָן מיט אַלע פינגער.
אַלץ איז קלאַנג אין אונדזער וועלט פון בילדער,
גערטנער קלינגען איידעלער, וועלדער קלינגען ווילדער,
מערן זיך די גערטנער און פאַרנעמען שטח,
ווערט די ערד אַ ברייטער אויסגעניייטער טעפּעך
פון אַ דינעם, גרינעם אויסגעשפּינטן פאָדעם.
מאַך אַ ברכה, וואָרט מײַנס : „מעשׂה ידי־אָדם".
אַלץ איז טאַט אין אונדזער וועלט פון שאַפן,
פוצן מיר די ערד, די הימלען זאָלן גאַפן,
הייבן מיר זי אויף ביז די העכסטע שטופן,
יעדער ווערק זײַן נאָמען האָט, זײַן וואָרט עס אָנצורופן.
אַלץ איז וואָרט אין אונדזער וועלט פון שפּראַכן,
קיינער קען די ווערטער ניט פאַרמאַכן,
וואַנדערן זיי פרײַ פון שפּראַך צו שפּראַך אַריבער,
שפּראַכן בײַטן זיך מיט ווערטער איבער.
טרעפן זיך אויפן יאַריד פון די לשונות
ווערטער פון די זמירות מיט ניגונים פון די דוינעס,

פונעם גילגול פון אַ וואָרט מיטן „גילגול פון אַ ניגון"
ווערט אַ נײַער גילגול און אַ ניגון אײַנצוּוויגן
אירקעלען, מײַן אייניקל, וואָס וויל שוין אַלצדינג וויסן...
שלאָף, מײַן טײַער אוצרל אין אַ שלאָף אַ זיסן
און זאָלן זיך דיר חלומען אין צווייטן צימער דאָרטן
צײַטיקע די פּרוכטן פון דײַן זיידנס גאָרטן.

*

אָפּגעחלומט, אויפגעכאַפּט זיך, עפּעס איז ניט דאָס.
ניט די וועלט וואָס ערשט געחלומט, גיי, פאַרשטיי פאַר וואָס.
אונטערשיידן וואָר פון חלום קען נאָך ניט דאָס קינד —
און די וואָר אין גרויען פענצטער פאַר די אויגן שפּינט;
דער גן־עדן מיט די פריידן פונעם זיידן איז שוין העט ! —
און מע הערט קיין וואָרט ניט רעדן ווי דער זיידע רעדט.
ס'האָט דערפילט דאָס קינד בפירוש, עפּעס איז ניט גלאַט
ניט קיין גאָרטן פאַר די קינדער, נאָר אַ „דעטסקי סאַד".

מײַנע אייניקלעך

לייבעלען

מײַן אייניקל, דאָס מיידעלע, צי וועט זי שפּילן פּיאַנע,
צי וועט זי שרײַבן לידער, צי ראָמאַנען,
צי וועט זי בילדער מאָלן, קלעפּן ליים,
צי אויסהאַקן פיגורן גלײַך פון שטיין,
צי גאָר פאַרמאָגן, ווי עס טרעפט, די מעלות אַלע,
צי אפשר וועט זי ווערן יונג אַ כּלה,
דערנאָך אַ פרוי און באַלד דערנאָך אַ מאַמע
און ניט קיין לידער שרײַבן, ניט ראָמאַנען,
אַזוי ווי ס׳האָט געטראָפן מיט איר מאַמען;
מײַן טאָכטער, די גראַטענע, דער בכור,
וואָס איז אַ מאַמע שוין דאָס זעקסטע יאָר
און שנײַדט די צײַט, די שעהען מיט אַ שער,
כּדי באַוויַיזן זײַן ניט נאָר אינזשינער,
נאָר אויך אַ באַלעבאָסטע, וועלכע לייגט זיך שפּעט
צוליבן קאָכן, רוימען, לאַטען, וואַשן גרעט.

דאָס אייניקל, דאָס צווייטע מײַנס, דער צווייטער טאָכטערס זון,
איך פיר אים אָפט אַרום אין דרויסן אויף דער זון,
ער קען שוין ווערטער דרײַ און רעדט זיי אָפּט אַרויס,
מיט ווערטער דרײַ ער רעכנט טויזנט זאַכן אויס,
ער שלאָגט מיך מיט די הענטלעך, ווען איך בעט אים: „גלעט!״
און זיכער בין איך, זיכער, אַז וואַקסן וואַקסט ער אַ פּאָעט
און ניט ווײַל אויף דער זון ער לאַכט גאָר אָן אַ סוף,
נאָר ווײַל אַ גאַנצע נאַכט וויינט ער פונעם שלאָף.

אַ נאָמען

אַליקן

אין דער ציפּער — זעקס מיליאָנען —
איז קיין נעמען ניט פֿאַרשריבן,
אָבער איך געדענק זײַן נאָמען,
ס'איז זײַן נאָמען מיר פֿאַרבליבן.

און איך האָב אים אײַנגערעמלט,
מיט דער ראָם אַרומגעוואָגלט —
כ'האָב די ראָם געהיט אויך דעמאָלט,
ווען עס האָט אויף מיר געהאָגלט.

עליק בראַזער — ס'איז דער נאָמען
פֿון מײַן פּרויס אַ פּראָסטן פּעטער.
אויך די קינדער פֿון זײַן זאָמען
האָבן ניט געהאַט קיין רעטער.

ס'איז קיין זכר ניט פֿאַרבליבן,
ניט קיין צאָם, ניט קיין מצבה,
ס'איז דער נאָמען ניט פֿאַרשריבן
און אין ערגעץ ניט פֿאַרצייכנט.

ווען זשע וועט מען אים דערמאָנען?
ס'האָט מײַן קינד אַ זון געבוירן
און געגעבן אים אַ נאָמען:
„אַליק — מיט אַן אַנדער גורל".

וויגליד פון אַ זיידן

דעם ייִנגסטן אייניקל — בילן

ס'האָט דײַן מאַמע מיך געבעטן:
טאַטע, קום צו גאַסט.
בײַ דײַן וויגל שטייט מײַן בעטל
ווי אַ זיידן פּאַסט.

איך און דו, מיר ווערן ביידע
פרייִער פון אַלע מיד,
בײַ דײַן וויגל ליגט דײַן זיידע,
זינגט אַ ייִדיש ליד.

כ'קום פון ווײַטע פרעמדע ערטער
אין דײַן וועלט אַרײַן.
אויב פאַרשטייסט ניט מײַנע ווערטער,
שלאָף פון ניגון אײַן.

אויב דו שלאָפסט ניט פונעם ניגון,
וואָס דײַן זיידע ברומט,
ווער אַנטשלאָפן פונעם וויגן,
ביז דײַן מאַמע קומט.

ס'איז אַ מאָדע הײַנט אַזאַ מין —
שלאָפן ניט געוויגט,
צוליב דעם האָט זיך דײַן מאַמע
שיִער מיט מיר צעקריגט.

אויב עס איז טאַקע דאָס וויגן
אַזאַ גרויסע זינד,
שלאָף זשע אײַן פון הוילן ליגן,
וויין ניט, שלאָף מײַן קינד.

אינהאַלט

צו מײַן מאַמען

צו די ישׂראל־הימלען 9
אַט דאָ 10
אַפּשטאַם 11
וועגן מײַן געבוירן ווערן 12
די שויבן ווערן שוואַרץ פון נאַכט 13
ווי גוט וואָלט געווען 15
מײַן מאַמע גרייט צום טיש 16
און נאָך דער וועטשערע 17
איידער נאָך איך לייג זיך שלאָפן 18
מײַן מאַמעס הענט 19
מיטן זעלבן שוועבעלע 20
האַרבסטליד 21
אַמאָל־אַמאָל 22
מײַן ערשטער שידוך 24
חטאת נעורים 25
אַ יידענע 26
די גוטע 27
דער בוים 28
מײַנע מעמוואַרן 31
מײַן מאַמעס שפּיגעלע 32

געסט

א. מײַנע מומעס 36
ב. אומגעקומען 38
ג. קומט אַ גאַסט 39

איבער אונדזער שטעטל 41
די נאַכט האָט זיך געחלומט מיר 43
דערמאָנונג 45
בעסאַראַביע, די היים 46
צו מײַן מאַמען 47
מײַן מאַמעס נאָמען 49
די שויבן שטייען אָנגעגאָסן 50
און ס'איז אַרויס פון אונדזער הויז 51

ווידעראויפבוי

א. זעען זיך אַנידער 52
ב. מײַן מאַמעס בילד 53
ג. אין וואָס איך גלייב 54

אויף פראָסטע וועגן

אויף פראָסטע וועגן 57
ס'האָט געשנייט, געשנייט 70
דער וואַנדערער 71
געוויין 75
מײַן פערדל 80
רוישיקער ווי ביז אַצינד 82
דו חלומסט אויסצוגלײַכן 83

נײַ־יאָר־נאַכט

א. אין קרײַז פון פרײַנד 84
ב. און ווידער זיץ איך 85

אויף דער באַנק 86
די נאַכט אין שטוב איז שטיל 87
בלויז מײַן ליבשאַפט. 88
איך קען ניט אַרויס 89
דער פרײַז פון לידער 90

לידער צו בעלאַן

דאָס ליכטל 93
זעונג 94
בײַם ווײַס־פאַרשפרייטן 95
בריוו 97
אויף ראָזעווע פּאַפּיר 98
שפּעט 99
דײַן שמייכל 101
אויסשפּאַנען איך קען די שטאָט 102
אַליין 104
גלייביק 105
ס'האָט די שטאָט 106
זאָגט מײַן טײַערע 107
אַלע, אַלע 108
אַ דינינקער שניי 109
אָטעם 110
די תּפילה פון אַ פרוי 111
איך דאַרף דיך שטענדיק 113
ווען דו וואָלסט נאָר געהערט 114
דעםווילדן טרויער 115
לאָמיר 116
קאַרטאָפל 117
אַ האַלב — דו 118
אַ בריוו צו מײַן פרוי 120
אידיליע 125
איך טוליע זיך 127

דײַן מאָגער פּנים 128
מײַן בילד 129
און איך 130
קלײַב איך מיר אויס 131
אַ װאַנדערונג צו מײַן פֿרוי 132

פיר זײַטן פֿון איין ליד

א. אַ טײַבל צום שרײַבן 133
ב. טײַבל־טויב 134
ג. דו האָסט 136
ד. די לידער צו דיר 137

מיר חלומט זיך שטענדיק 138
דײַן רוגז 139
מיר האָבן דערגרייכט 140
דער גט 142
איך האָב ניט געמיינט 144
אַלע װײַסע הײַזער 145
ס'האָט יעדער מענטש 146
אַוועק די לאַנגע פּראָזע־וואָר 147

אין מײַן הויז

א. זעץ זיך אַוועק 148
ב. קום ניט 149

געפֿונען 150
גראַמאַטיק 153
דער טרויער שאַרט זיך 154
איך בין דער װעקזייגער 155
זאָגט מײַן פֿרוי 156
שלאָפֿט מײַן פֿרוי 157
און אָט 158
אָנגעהויבענע רעיונות 159
אויס 160
גלעטסט מײַן װונד 161
און איצט בין איך אַליין 162
בײַ די ברעגעס 163
האָניק־חודש 164
טרויער 165
די אויגן זענען מיר טרוקן 167
די טויטע װייסן ניט 169
און אַלע װערטער זענען אָפּגעטראָטן 170

צו קינדער און אייניקלעך

צוויי װיגלידער 173
שניי 175

ס׳ליגט מײַן קינד אין וויגל 176
פּאַר די גליטשן 177
מײַן הויז איז פול 178
דער טאָג 179
דער חלום 181
דרײַ לידער וועגן משל 182
וועלכעביימער 184
טינט־פלעקן 185
וויגווערטער 186
דאָ ווערט מען 187
ווינט און שניי 188
הונגעריקע קינדער 190
מיר ווילט זיך ניט שלאָפן 191
אויפבוי 192
מיינט מײַן קינד 194
און דו מײַן גאָלד, מײַן לעמעלע 195
עס קוקן אין גאַס 196
סך־הכל 197
עלטערן און קינדער 198
וואָס האָבן צו זאָגן די יונגע אַצינדער 199
ווי לאַנג ? 200
מיר ווילט זיך אַ זינג טאָן 201
פּאַרשפּעטיקטע וויגליד 202
טראַכטן 203
לייענענדיק שלום עליכמען 204
איך ווייס ניט צי איז עס אַ זכיה 206
און אַט אַזוי וועט אָנקומען מײַן סוף 207
ייִדיש וואָרט מײַנס 208
מײַנע אייניקלעך 210
אַ נאָמען 211
וויגליד פון אַ ייִדן 212

באַמערקטע דרוקפעלערן:

אויף זײַט 12, אין 15טע שורה לייענען: **אין בלוט פון מײַן טאַטן**

„ „ 71 — לייענען די פירטע שורה פאַר דער דריטער

„ „ 144, אין זעקסטער שורה לייענען: **גבֿר**

„ „ 145, אין זעכצנטער שורה לייענען: **קריטיק**

„ „ 179, אין זעקסטער שורה לייענען: **ניט מערער**

„ „ 207, אין פופצנטער שורה לייענען: **איך**